# טרוימער פון דער געטא

פון

## ישראל זאנגוויל.

פערפאסער פון
„קינדער פון דער געטא“,
„דער קעניג פון די שנארער“, א. ז. וו.

צווייטער טהייל.

---

איבערזעצט פון א. פרומקין.

---

לאנדאן,

ב. רודערמאן,

71 הענבורי סטריט, איסט.

1910.

---

געדרוקט ביי י. נאראדיצקי, 48 מייל ענד רד.

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

576

# I.

# מימון דער נאר און נתן דער חכם.

Digitized by the Internet Archive
in 2016 with funding from
Boston Public Library

https://archive.org/details/roymerfundergheo00zang_0

# מיזמון דער נאר און נתן דער חכם.

## I.

פֿרעהליכע בירגער פֿון בערלין, אָנגעטהאָן אין זייערע בעסטע זונטאָג־קליידער, האָבען זיך געצויגען מחנות־ווייז דורך דעם ראָזענטהאַלער טויער. ס'איז געווען אַ קיהלער אָבענד אין אויגוסט, און זיי האָבען זיך אַרויסגעלאָזט אויף זייער געוועהנליכען שפּאַציר אין יענער אומגעגענד. כמעט יעדער איינער פֿון די פֿערביינגעהער האָט בעמערקט די אָבגעריסענע, טראַנטעוואַטע געשטאַלט פֿון אַ יונגען מאַן, וואָס איז דאָרט געלעגען. זיין באָרד איז געווען לאַנג און שמוציג. קלאָגענדיג און זיך דרעהענדיג פֿאַר שמערץ, איז ער געלעגען גראָד ביים טויער. אָבער בלויז געצעהלטע עטליכע האָבען געפֿרעגט, וואָס איהם פֿעהלט.

ער האָט געענטפֿערט אין אַ מאָדנעם מיש־מאַש פֿון פֿערשיעדענע זשאַרגאָנען. זיינע געדאַנקען זיינען אַרויסגעקומען מורא'דיג צוקאַליעטשעט דורך די העבראַישע, אידיש־דייטשע, פּוילישע און רוסישע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט זיך בענוצט, און נאָך מעהר דורך זיין פֿערשטיקטעס שלוכצען און זיפֿצען. איין גוטע, באַרמהאַרציגע נשמה נאָך דער אַנדערער האָט זיך אָבגעקעהרט פֿון איהם, ניט וויסענדיג ווי אַזוי איהם צו העלפֿען. דאָס האַרטע, קיילעכדיג צונויפֿגעוויקעלטע העבראַישע מאַנוסקריפּט, וואָס דאָס שוואַרצע, ניט־געקעמטע וועזען האָט געהאַלטען פֿעסט אַרומגענומען מיט דער האַנד, איז נאָך שמוציגער געוואָרען פֿון זיינע טרעהרען. די וואַךלייט ביים טויער האָבען איהם בעטראַכט מיט סאָלדאַטסקער קאַלטבליטיגקייט.

נור דאָס האַרץ פֿון דעם אונגליקליכען האָט געפֿיהלט זיין אייגענע ביטערקייט, נור אָט די מיט טרעהרען אָנגעפֿילטע אויגען האָבען געזעהן די טרויעריגע פּאַנאָראַמאַ פֿון אַן אָרימען אידען'ס קאַמפף פֿאַר קולטור. וואָרים ערצויגען אין אַן איינגען גלויבען, האָט ער געטרוימט דעם טרוים פֿון ערקענטניס. וויסען — וויסען — דאָס איז געווען די ליידענשאַפֿט, וועלכע

האָט איהם פערצעהרט: צו פערשטעהן די בעדייטונג פון׳ם לעבען און די סבה פון יעטוועדער זאַך.

ער האָט זיך צוריק געזעהן אַלס קינד אין פוילען, אין יענע פער־העלטניסמעסיג גליקליכע טעג, אָנגעטהאָן אין זיין קליינער זיידענער קאַ־פאָטקע. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ער האָט דערצאָרענט דעם פאָטער זיינעם מיט אַ קשיא ביי דעם סאַמע ערשטען פסוק פון חומש, וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען לערנען צוזאַמען, ווען ער איז אַלט געווען זעקס יאָהר. מעהר ווי איין פאַטש האָט ער דאַן געקריגען צוליעב זיין שאַרפען שכל. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע ערשטע פערזוכען נאָכצומאַכען מיט קרייד אָדער קויהל די בילדער פון פייגעל און בלומען, וואָס ער האָט צו זיין גרוי־סער פרייד געפונען אויף די שער־בלעטער פון אַלטע, לשון־קודש׳דיגע ספרים; ווי ער פלעגט זיך פער׳גנב׳ענען אין דעם ליידיג־שטעהענדען, ניט־מעבעלירטען פריצישען הויז און אָבקאָפּירען די פיגורען פון די טאַפעטען. אין רעכטען מיטען ווינטער פלעגט ער דאָרט שטעהן, האַלב דערפרוירען, אין איין האַנד דאָס פאַפּיער, אין דער צווייטער די בליי-פעדער. אָט דער קונסט־ענטהוזיאַזם, ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער האָט אַרויסגערופען בע־וואונדערונג ביי יעדען איינעם, האָט אָבער געפונען אַ שטרייגגען געגנער אין דעם פאָטער, וועלכער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ צו מאַכען פון זיין זוהן אַ רב. פאַר אַ קינד, וואָס האָט ניט קיין שום אינטערעס אין אַזעלכע זאַכען ווי הלכות גטין, אָדער די אָבהאַנדלונג וועגען דער פרה אדומה, וויפיעל ווייסע האָר, למשל, זי האָט געמעגט האָבען, — זיינען די שרעקליך טרוקענע פלפולים פון דער גמרא, פערשטעהט זיך, געווען לאַנגווייליג גענוג; און ווי גערן פלעגט ער דאָס פערבייטען אָט די למודים פאַר דעם טייערן אוצר פון העברעאישע וויסענשאַפטליכע און היסטאָרישע ביכער, וואָס ער האָט ענטדעקט אין אַן אַלטער שאַפע ביי זיין פאָטער אין אַרבייטס־צימער, און איבער וועלכע ער פלעגט אין געהיים אָבליגען גאַנצע נעכט! צו דעם דאָזיגען צימער, וואָס האָט אין דערזעלבער צייט אויך גע־דיענט אַלס שלאָף־שטוב פאַר׳ן קינד און פאַר זיין באָבען, האָבען זיך אַצונד אומגעקעהרט דעם יונגען מאַן׳ס געדאַנקען. פאַר זיינע אויגען איז געשטאַנען דאָס בילד פון דעם אונשולדיגען קליינעם נפש׳ל, ווי עס ליגט דאָרט און גריבעלט זיך אין די דיקע ספרים ביי אַ פלאַקערענדען ליכט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, און דערביי האָט זיך דאָס דאָזיגע בינטעל שמאַ־טעס גענומען הויבען נאָך שטאַרקער און קראַמפּפהאַפטער. וויפיעל שפּאַס האָט עס איהם געמאַכט, נאָכדעם ווי זיין באָבע פלעגט געהן שלאָפען, צו צו־ליגען האָלץ אין אויוען און זיך אָבגעבען מיט דער אַסטראָנאָמישער

אָבהאַנדלונג, ניט קוקענדיג אויף דער מורמלעריי פֿון דער אָרעמער, אַלטער פֿרוי, וועלכע האָט אַזוי געפּרווירען, ווייל ער איז נאָך ניט געלעגען לעבען איהר. יאָ, דער איינזאַמער, קליינער חברה־מאַן איז ווירקליך געווען אין זיבעטען הימעל, ווען ער פֿלעגט אַרומוואַנדערען אין די הימעלס־קרייזען — בעהאַלטענערהייט, וואָס דאָס האָט די זאַך געמאַכט אַסך זיסער און רייצ־פולער. אָבער אָט די „אַרמילאַר־ספֿערע", פֿאָרשטעלענדיג דעם הימעל און די בעוועגונג פֿון די שטערן, און וועלכע ער האָט זיך אַליין אַזוי געשיקט געמאַכט פֿון געפֿלאָכטענע ריטער, האָט צושטערט די דאָזיגע פֿרייד: זיין באָבע, וועלכע האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, דערזעהענדיג ווי דאָס קינד איז אַריינגעטהאָן אין דער דאָזיגער מיסטישער פֿלעכטעריי, האָט דערצעהלט דעם פֿאָטער מכח דעם מאַגישען אינסטרומענט.

אַנדערע עפּיזאָדען זיינען איהם אַרויפֿגעקומען אויף'ן זינען: ווי אַזוי ער האָט ווייטער אַליץ מעהר און מעהר געשטרעבט צו קענטנים און וויסען, ניט קוקענדיג אויף די קלעפּ, וואָס ער פֿלעגט אַזוי אָפֿט קריגען פֿון זיינע מלמדים; אפילו זיין חתונה צו עלף יאָהר האָט איהם אויך נור ווייניג וואָס געשטערט אין דעם. וואָס פֿאַר אַן אונבעשרייבליכען תענוג, וואָס פֿאַר אַ זעלטענע ענטציקונג האָט ער געפֿיהלט, לייענענדיג דאָס ערשטע מאָל דאָס ווערק פֿון דעם רמב"ם! פֿון דעם „מורה נבוכים" (וועג־ווייזער פֿון די פֿערבלאָנדזשעטע) האָט דער באמת בלאָנדזשענדער אינגעל אַרויסגעזויגען גרינדע פֿאַר דעם אידישען פֿייער, מיט וועלכען ער איז געווען דורכגעדרונ־גען. ווי האָט ער דאָס פֿערעהרט דעם גרויסען מיטעלאַלטערליכען דיינקער, בעטראַכטענדיג איהם אַלס דעם אידעאַל פֿון אַ מענשען, דעם אויסער־וועהלטסטען פֿון אַלע לעהרער! האָט ער ניט זאָגאַר איבערגעביטען זיין איינענעם נאָמען אויף מ י מ ו ן, נעהמענדיג זיין גרויסען לעהרער אַלס מוס־טער פֿאַר זיין לעבען! לויטעט ניט זאָגאַר איצט זיין שבועה ביי יעדען נסיון: „איך שווער ביי דעם רעספעקט, וואָס איך בין שולדיג מיין גרויסען לעהרער, רבי משה בן מימון (רמב"ם), ניט צו טהאָן אַזוי"?

אָבער זאָגאַר דער רמב"ם איז ניט אימשטאַנד געווען צו שטילען זיין דורשט נאָך וויסען. דער רמב"ם איז געווען אַ נאָכפֿאָלגער פֿון דעם גריכי־שען פֿילאָזאָף אַ ר י ס ט אָ ט ע ל, און דער אינגעל האָט געהאַט אַ ברענענדען חשק צו טרינקען פֿון דעם אור־קוואַל. ער האָט געוואַנדערט הונדערט פֿופֿציג מייל, כדי צו געפֿינען אַן אַלטען העברעאישען ספר איבער אַריס־טאָטעל'ס פֿילאָזאָפֿיע. אָבער העברעאיש איז ניט געווען גענוג; די אונגע־הייער גרויסע וועלט פֿון וויסען מוז אודאי ליגען אין אַנדערע שפּראַכען. נאָר זיך אויסלערנען אַן אַנדער שפּראַך, האָט געהייסען אַ פֿעראונרייניגונג,

אַ בעפֿלעקונג פֿאַר אַ אידען; ווידער לערנען אַ אידַען אַן אַנדער שפראַך האָט געהייסען אַ פֿעראונריינינגונג פֿאַר אַ קריסט.

ער האָט זיך שוין גאָר געהאַט פֿערגעסען אָן די דאָזיגע ערשטע שווערע טריט זיינע, נאָכדעם ווי ער האָט עס געבראַכט אַזוי וויט צו פֿער-שטעהן אָהן שוויריגקייטען דייטשע און לאַטיינישע ביכער; נאָר איצט אין די שרעקליכע מאַטערנישען פֿון זיין זעלע זיינען זיי איהם ווידער אַרויף אויף'ן זינען, כדי פֿון איהם חוזק צו מאַכען. אָט די פֿרעמדע אלף בית'ן האָט ער זיך אויסגעלערענט דורך דעם, וואָס ער האָט אין אַ טהייל העברעאישע ביכער בעמערקט, אַז ווען די דרוקער האָבען אויסגעניצט אַלע אותיות פֿון דעם העברעאישען אלף בית צו בעצייכענען זייערע בויגענס, האָבען זיי זיך בענוצט מיט אַנדערע, פֿרעמדע אלף בית'ן. וואָס פֿאַר אַ פֿרייד איז דאָס געווען פֿאַר איהם, ווען ער האָט מיט הילף פֿון זיין אידישען זשאַרגאָן גע-קענט אַרויסקריגען דעם אינהאַלט פֿון עטליכע צוריסענע בלעטער פֿון אַן אַלטען דייטשען בוך, וואָס איז איהם צופֿעליג אַריינגעפֿאַלען אין די הענד!

אין זיין זכרון איז פלוצלינג אַרויפֿגעשוואומען אַן אַנדער בילד — די קרעטשמע, וואו ער איז אַמאָל געווען אָנגעשטעלט אַלס הויז-מלמד. ער האָט זיך ווידער געזעהן, זיצענדיג דאָרט און לערנענדיג אין אַ צוריסענעם חומש מיט אַ האַלב-נאַקעטען, פֿערווילדעטען בחור, וואָס איז געזעסען פֿעררוקט הינ-טער'ן אויווען. ס'איז געווען אַ פֿעררויכערט צימער, פֿול מיט מוזשיקעס, וואָס זיינען געזעסען אויף דער ערד און געטרונקען בראַנפֿען, אָדער מיט שכור'ע רוסישע סאָלדאַטען, וועלכע פֿלעגען צוברעכען די בעטען אָדער וואַרפֿען די גלעזער דעם בעל הבית און זיין פֿרוי אין פנים אַריין. אָרעמע פוילישע אידען, וואָס איהר זייט פֿערפֿלוכט צו אָרעמקייט און טיראַניי! קען מען דען אין אַזאַ מין היים פֿאַראיבעל האָבען אויף דעם, וואָס סטאַרעט זיך צו דערטרינ-קען די צרות אין בראַנפֿען? אַחוץ דעם, אַז מען קריגט ניט מעהר ווי פֿינף טהאָלער שכר למוד, זאָל מען זיך אָבזאָגען פֿון אַ שנעפסעל און דערגלייכען?

און דאַן איז אין זיין געדאַנק אַרויפֿגעקומען אַן אַנדער היים מיט איין איינציגען צימער, וואו אַ יונגער מענש מיט זיינע אויגען און זיינע האָר פֿלעגט זיצען גאַנצע נעכט און זיך גריבלען אין קבלה-ספרים; און דאָס האָט פֿערשאַפֿט גרויסע אונבעקוועמליכקייט דעם יונגען, נאָר וואָס פֿערהיי-ראַטען רבי'ן זיינעם, וועלכער האָט זיך אונטערנומען איהם אַריינצופֿיהרען אין די סודות פֿון דער דאָזיגער לעהרע. דאָס איז געווען זיין קאַבאַליסטישע פֿאַזע, ווען ער האָט געטרוימט פֿון בעשווערונגען, פֿון צויבערייען און פֿון דער הערשאַפֿט איבער דעם נ אָ מ ע ן. אַ פֿערביסענער שמייכעל האָט זיך אַריבערגעצויגען איבער זיינע ליפען, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי

דער אָרעמער רבי און זיין שעהן ווייבעל האָבען איהם פריהער אומזיסט געגעבען אַלערליי אָנצוהערענישען, דערנאָך איהם אַנטליהען די טייערע ספרים, אַבי פטור צו ווערן פון זיין שטענדיגען ביינאַכטיגען אויף־זיין ביי זיי א״ן שטוב; און דער שמייכעל איז פערבליבען אַ ווילע אויף זיינע ליפען, ווען ער האָט זיך עראינערט אָן זיינע אייגענע קלעגליכע פערזוכען, צו ברייגנען מיט געוואַלד דאָס איבערנאַטירליכע, דורך קאַבאַליסטישע בעשווע־רונגען אָדער דורך דעם עקסטאַז, דורך׳ן פערטיפען זיך אין די תפלות, וואָס ער האָט שפעטער געלערענט פון די חסידים.

יאָ, ער האָט באַלד אויסגעפונען, אַז אָט דער גאַנצער קאַבאַליסטישער מיסטיציזם איז בלויז אַ פערזוך, צו געבען אַ וויסענשאַפטליכע ערקלעהרונג פון דעם לעבען, פערקליידט אין פאַבעלען און משלים. אָבער וואָס מעהר פער־נונפט ער האָט צוגעגעבען דער קבלה, אַלץ שטאַרקער האָט ער אויפגערעגט די אָרטיגע מקובלים, וועלכע האָבען בשום אופן ניט געוואָלט, אַז זייער „געטליכע וויסענשאַפט״ זאָל אַרונטערגעזעצט ווערן צו איינפאַכע „פערנונפט״. און אַזוי, אויסגעניכטערט פון זיינע טרוימערייען, האָט ער זיך גענומען צו „מענשליכע וויסענשאַפט״, און אין רעכטען מיטען ווינטער האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ווייטען וועג, כדי ערגעץ־וואו אויסצובאָרגען עטליכע אַלטע ביכער איבער אָפטיק און פיזיק און כדי זיך צו פערשאַפען נאָך מעהר שונאים דורך זיין אויפדרינגליכער וויסענשאַפט מכח דעם, ווי אַזוי דער טוי און דער בליץ ענטשטעהען. ערשט ווען ער האָט זיך אונטערנומען צו היילען קראַנקהייטען — זיך שטיצענדיג אויף אַ בוך מיט אַנאַטאָמישע טאַבליצעס און אויף אַ מעדיצינישען ווערטער־בוך — ערשט דאַן האָט ער אויסגעפונען די טיעפענישען פון זיין אונוויסענהייט, דערגרייכענדיג בלויז די היילונג פון זיין אייגענער איינבילדונג. און דאַן איז דאָס געווען, ווען דייטשלאַנד האָט אָנגעהויבען אויפשיינען פאַר זיינע אויגען — אַ גרויס, וואונדערבאַר לאַנד, וואו עס הערשט די וואַהרהייט און וואו דאָס יודענטהום איז פרייער און גרעסער. יאָ, ער וועט זיך אַוועקלאָזען קיין דייטשלאַנד שטודירען מעדיצין און אַנטלויפען פון דער דאָזיגער שטיקענדער אַטמאָספערע.

דאָס שלוכצען, וואָס האָט ביסלאַכווייז נאָכגעלאָזט, האָט זיך איצט, ביי דעם געדאַנק מכח אָט דער שרעקליכער רייזע, פון דאָס ניי צושפיעלט. אַפריהער זיין אַריבערפאָהרען קיין קעניגסבערג, וואָס ער האָט געהאַט צו פערדאַנקען בלויז די גוטהאַרציגקייט פון אַ פרומען סוחר; דערנאָך די רייזע קיין שטעטין, צו וועלכער עטליכע יונגע אידישע סטודענטען האָבען איהם געגעבען די מיטלען. תחילת האָבען זיי געלאַכט פון זיין לעבערליכער אויס־שפראַכע, פאָרלעזענדיג הערר מענדעלזאָהן׳ס „פעדאָן״ — די ליטעראַרישע

סענזאַציע פֿון טאָג, וועלכע האָט צוטומעלט די מוחות פֿון די וואָלטעריאַנער—, אָבער דערנאָך זיינען זיי איינפֿאַך נשתומם געוואָרען צו זעהן, ווי ער האָט דאָס ווערק איבערזעצט אין אַן אויסגעצייכענטען, עלעגאַנטען העברעאיש, און אַלע ווי איין מאַן האָבען זיי איהם געראַטהען צו פֿאָהרען קיין בערלין. אַך, וואָס פֿאַר אַ נסיעה! שלעכטע ווינדען האָבען די ים־רייזע פֿערלענגערט פֿון צוויי אויף פֿינף וואָכען. דער איינציגער פּאַסאַזשיר אַחוץ איהם איז געווען אַן אַלטע פֿרוי, וועלכע האָט געהאַלטען אין איין טרייסטען זיך מיט תחינות און קאַפּיטלאַך תהלים; כמעט אַ שטומער מיט זיין אייגענעם דיאַלעקט, וועלכען די שיפֿסלייט האָבען ניט אָנגעהויבען פֿערשטעהן, פּונקט ווי ער האָט ניט פֿערשטאַנען זייער דייטש; אַ געלעגער פֿון האַרט אָנגעשטאָפּטע זעק; די גאַנצע צייט קיין ביסעל וואַרעמס ניט געהאַט אין מויל און כמעט שטענדיג ליידענדיג פֿון דער זעע־קראַנקהייט. און דאַן, אַז זיי זיינען שוין בשלום אַראָב אויף דער יבשה, אָהן אַ פֿעניג געלד אָדער אַ טאַש וויינינגסטענס, וואו עס צו האַלטען. אַזוי האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צופֿוס קיין פֿראַנקפֿורט. אַך, דאָס דאָזיגע ביטערע געפֿיהל פֿון טיעפֿסטען יאוש דאַן, ווען ער האָט זיך אַנידערגעוואָרפֿען אונטער אַ לינדען־בוים אויף'ן וועג מיט אַן אויסברוך פֿון טרעהרען! פֿאַרוואָס האָט די האָפֿנונג ווידער אויפֿגעלעבט אין איהם? נאָך וואָס האָט ער פֿאָרטגעזעצט זיין שווערען, ערמיעדענדען וועג, ווען אַזאַ שיקזאַל האָט איהם דאָ ערוואַרטעט, ווען ער האָט געדאַרפֿט קריגען אַזאַ קבלת פנים?! איהם צו פֿערשפּאַרען דעם וועג ווי אַ לומפּ און אַ בראָדיאַגע, פֿערשטויסען צו ווערן פֿון זיינע ברידער-אידען, אַרויסגעוואָרפֿען צו ווערן פֿון דער שטאָדט פֿון זיינע טרוימען דורך דעם אויפֿזעהער פֿון דער טויער־וואַך פֿאַר די אידען!

וועה! וועה! זאָל דאָס זיין דער סוף פֿון זיין לאַנגער בייגקעניש? ערשט מיט אַ וואָך צוריק איז ער געווען אַזוי גליקליך. נאָכדעם ווי ער האָט זיך געמוזט שיידען מיט זיין לעצטען שטיק פֿערמעגען, אַן אייזערנעם לעפֿעל, כדי זיך צו קויפֿען אַ גלאָז וויערע ביער, איז ער אָנגעקומען אין אַ שטאָדט, וואו זיין סמיכה אויף רבנות — וואָס ער האָט אַזוי לייכט אַרויסגעקריגען, איינפֿאַך אַ קינדער־שפּיעל, — האָט איהם, ניט קוקענדיג אויף זיינע טראַנטעס, פֿערשאַפֿט אַזוי פֿיעל כבוד. אויבען אָן אין שוהל האָט מען איהם אַוועקגעזעצט, דעם אָבגעריסענעם שלעפּער, און דער רייכער גבאי האָט איהם צו זיך אויף שבת פֿערבעטען און איהם געגעבען אַ פּלאַץ צווישען זיך און זיין טאָכטער, אַ שעהנע, צוועלף יעהריגע בתולה, אָנגעטהאָן אין זיידענס. דורך זיין וויין-גלאָז האָט די צוקונפֿט זיינע אויסגעקוקט אַזוי רויזיג, און צופֿריעדען מיט זיך אַליין, האָט ער גערעדט און וואָס וויטער אַלץ

מעהר אַרויסגעוויזען זיין לומדות. אָבער ער איז ניט געווען שכור געווען, ניט צו בעמערקען די העויות, וואָס דאָס מיידעל האָט געמאַכט, און געוואָהר ווערענדיג די אורזאַכע דערפֿון, האָט ער פלוצלינג אָבגעהאַקט און איז שטיל געוואָרען. אפילו אַ רב קען ניט געפֿעלען אַ שעהן מיידעל, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געוואַלגערט אויף שטרוי אין די שטאַלען פֿון די קרעטשמעס אין די קליידער, וועלכע זיינען נאָך דערצו זיבען וואָכען נאָכאַנאַנד ניט געביטען געוואָרען. דער צוייבער פֿון גליק איז פֿערשוואונדען, און פֿון דאַן אָן האָט דער געלערנטער בראָדיאַגע ניט געוואוסט פֿון קיין אַנדער זאַך, נאָר ערנידעריגונג און הונגער.

דאָס פֿרעהליכע קלאַפּען פֿון זיין האַרצען, דערזעהענדיג דעם טויער פֿון בערלין, האָט ניט אָנגעהאַלטען לאַנג; וואָרים ער האָט גלייך אויסגעפֿונען, אַז ער מוז קודם כל אויסוואַרטען אין דעם דאָרטיגען אידישען אָרעמען־הויז, ביז וואַנען די גבאים פֿון דער קהלה וועלען איהם פֿערהערען און זעהן, צי דאַרף ער אַריינגעלאָזט ווערען אין שטאָדט. דאָרט האָט ער אָבגעפֿינסטערט דעם גאַנצען טאָג, צוזאַמען מיט אַלערליי קראַנקע, קריפּעלס און אויסגעלאַסענע, נידעריגע לייט, ביז ס׳איז געקומען דער אָבענד און מיט איהם די גבאים און זייער אורטהייל איבער זיין שיקזאַל — אַן אויסדריקליכער פֿערבאָט: ער טהאָר ניט אַריינקומען אין שטאָדט און שטודירען מעדיצין.

פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס פֿאָרט? וואָס האָבען זיי געהאַט צו איהם? אָט די פֿראַגע האָט ער זיך געשטעלט אַלע וויילע צווישען זיינע ספּאַזמען. און פלוצלינג, בעת ער איז געווען פֿערנומען דערמיט צו ערקלעהרען איינעם פֿון די פֿערבייגעהער זיינע צרות, האָט ער געקריגען אַן ענטפֿער, וואָס האָט נאָך מעהר צומישט זיינע ערקלעהרונגען. יאָ, יענער וואָלף אין רבנישע קליידער, מיט וועמען ער האָט היינט אין דערפֿריה דאָרט אין אָרעמען־הויז גערעדט, — ער איז דאָס שולדיג אין דער גאַנצער געשיכטע! דער ראַבינער מיט דער רויטער באָרד, וואָס האָט אַזוי אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט די ערצעהלונג וועגען זיין לעבען אין פוילען און די געשיכטע פֿון זיין רייזע; וועלכער האָט מיט אַזאַ אינטערעס דורכגעקוקט זיין פירוש אויף דעם רמב״ם'ס „מורה נבוכים". דער עקעלהאַפֿטער שפּיאָן, דער נידעריגער מוסר! ער האָט דאָס דערצעהלט די פֿרומע פֿאַנאַטיקער פֿון דער שטאָדט מכח די אפיקורסישע געדאַנקען פֿון דעם נאָר וואָס אָנגעקומענעם. און זיי האָבען פֿאַר איהם פֿערשפּאַרט די טויערן פֿון דער שטאָדט, איהם אויסגעשלאָסען, ווי מען שליסט אויס אַ מגפה.

דאָס איז אַלזאָ די אַטמאָספֿערע פֿון דער פֿרייהייט, דאָס העברעע יודענטהום, נאָך וואָס ער האָט אַזוי געבייַנקט! די שטאָדט, וועלכע

בעריהמט זיך אַזוי מיט דעם בעוואוסטען משה מענדעלזאָהן, מיט דעם מוסטער פֿון קלוגשאַפֿט און טאָלעראַנץ, — אָט די שטאָדט איז פּונקט אַזוי קליינליך ווי די׳ דערפֿער, וואָס ווערען בעהערשט פֿון די רבנים, און וועמעס שטויב ער האָט אָבגעטרייסעלט פֿון די פֿיס! אַ מורא׳דיגער צאָרן גענגען די אידען און גענגען אָט דעם מענדעלזאָהן האָט איהם אַ פּאַק גע־טהאָן. דאָס איז, הייסט עס, אַלעס, וואָס ער האָט דערגרייכט! דערפֿאַר האָט ער עס פֿערלאָזען זיין ווייב און קינדער! און דאָס קומט איהם, איהם, וועלכער האָט זיך אַרויסגעלאָזט בלויז זוכען די וואהרהייט!

און ווער ווייס? אפשר ליגט טאַקע דערין זיין שטראָף. אָבער ניין! ניט איהם קומט דער פֿאָרוואורף, וואָס ער איז שוין אַזוי פֿריה בעלעסטיגט מיט אַ פֿאַמיליע. חתונה האָבען צו עלף יאָהר קען אויף קיין פֿאַל ניט אָנ-גערופֿען ווערן קיין פּריוויליגע טהאַט, וויפֿיעל מען זאָל זיך וועגען דעם ניט פשט׳לען. ער האָט זיך דערמאָהנט אָן דער לאַנגער, דערווידערדיגער קאָמעדיע, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיעלט ביי זיינע עלטערן אין הויז, די קאָ-מעדיע, צוליעב וועלכער ער איז געפֿאַלען אַלס אָפּפֿער. ווי האָבען זיי זיך דאָס אַביסעל געיאָגט נאָך איהם, די מחותנים, די עלטערן פֿון די טעכטער, צו קריגען איהם פֿאַר אַן איידים, איהם, דעם בעריהמטען עילוי, וואָס קען אַזוי שאַרף און איבער־קלוג ריידען מכח גאָט׳ס תורה, ווי אַ גרייז־גראָער מאַן. די קינדערשע נייגונג, וואָס ער אַליין האָט געהאַט צו פעסלען, דעם רייכען אַרענדאַר׳ס טאָכטער, האָט מען אויף אַן אומברחמנות׳דיגען אופֿן איגנאָרירט, ווען איהר שוועסטער איז אַריינגעפֿאַלען אין אַ קעלער און האָט זיך צובראָכען אַ פֿוּס. „שלמה מוז חתונה האָבען מיט דער הינקעדיגער טאָכטער,‟ איז דער אַרענדאַר בעשטאַנען אויף זיינס, בעת ווען דעם אינ-געל׳ס פֿאָטער האָט זיך פּונקט אַזוי איינגעשפּאַרט און געענטפֿערט: „ניין, איך פֿערלאַנג די שוועסטער מיט די גאַנצע פֿיס.‟

ביי דעם געדאַנק מכח זיין פֿאָטער׳ס עקשנות, האָט זיך דער אָרעמער יונגער מאַן ווידער געגומען דרעהען אין טיעפֿען שמערץ. ס׳איז אמת, רחל האָט טאַקע געהונקען, אָבער יאָהרען שפּעטער, ווען ער איז אָנגעקומען אַלס אָרעמער מלמד ביי זיי אין הויז, האָט ער אויסגעפֿונען, אַז זי איז אַ ליעבע, טייערע נשמה. דער פֿאָטער איהרער איז געווען גרייט, איהם צו מאַכען פֿאַר איינעם פֿון זיינע יורשים, אויב ער וועט חתונה האָבען מיט זיין טאָכטער, און דאַן וואָלט ער געווען פֿערזאָרגט אויף זיין לעבען לאַנג און וואָלט זיך געקענט באָדען אין לוקסוס און וויסענשאַפֿט. אָבער ניין! זיין פֿאָטער האָט אַנדערש ניט געוואָלט נאָר פעסלען, און אויף אַזאַ׳ן אופֿן איז ער, שלמה, געוואָרען אַ בעטלער צוליעב דעם איינגעשפּאַרטען שטאָלץ פֿון

זיין פֿאָטער, ווען ס'איז ניט אָנגעשטאַנען צו האָבען אַ שנור מיט אַן אויסגעלונקענעם ביין.

אַך, ווי דאָס אונגליק האָט איהם פֿערפֿאָלגט! אין יענער צייט האָט זיך דער רייבער למדן פֿון שמילאָוויץ פֿערליעבט אין זיין עילוי'שאַפֿט, און הגם ער האָט איהם נאָך קיינמאָל ניט געהאַט געזעהן אפילו, האָט ער איהם אין אַ בריעף פֿאָרגעלייגט דעם שידוך מיט זיין טאָכטער. וואָס פֿאַר אַ שטאָלצען בריעף דער פֿאָטער זיינער האָט דאָס געענטפֿערט דערויף — אַ מיש־מאַש פֿון פסוקים פֿון תנ"ך מיט שטיקלאַך גמרא. די בעדינגונג, לויט וועלכער ער וויליגט איין אויף דעם שידוך, האָט ער אויף אַ געשיקטען אופן פֿערקליידט אין די ווערטער פֿון „שיר השירים": „האלף לך שלמה ומאתים לנוטרים את פריו" (די טויזענד פֿאַר דיר, שלמה, און צוויי הונדערט פֿאַר די, וואָס היטען אָב זיינע פרות). טויזענד גולדען נדן דעם אינגעל און צוויי הונדערט דעם פֿאָטער! די בעדינגונג פֿון „שיר השירים" איז אָנגענומען געוואָרען, זיין פֿאָטער איז אַריבערגעפֿאָהרען קיין שמילאָוויץ, האָט אָנגע־קוקט די כלה און געשריבען תנאים. זיינע צוויי הונדערט גולדען האָט מען איהם גלייך אויף'ן שטעל אויסגעצאָהלט, אָבער ער האָט ניט אַנדערש געוואָלט נאָר פֿיער הונדערט.

„דאָ האָט איהר אייער בריעף", האָט אומזיסט גע'טענה'ט דער מחותן, „איהר פֿערלאַנגט בלויז צוויי הונדערט."

„פֿערשטעהט זיך," האָט ער געענטפֿערט; „אָבער דאָס איז דאָך בלויז געווען, כדי ניט קאַליע צו מאַכען דעם פסוק."

מיט וואָס פֿאַר אַ שמחה איז ער דאָס צוריקגעקומען אַהיים מיט די פֿיער הונדערט גולדען פֿאַר זיך און די חתונה־מתנות פֿאַר זיין שלמה'לען— אַ היטעלע פֿון שוואַרצען סאַמעט, אַרומגעזוימט מיט גאָלדענע שפּיצען, אַ תנ"ך, געבונדען אין גרינעם סאַמעט מיט זילבערנע ספּראָנזשקעס, און נאָך אַנדערע זאַכען.

דער אָרעמער בראָדיאַגע, ווען דאָס האַרץ האָט אַזוי וועה געטהאָן, האָט אַצונד ווידער געזעהן פֿאַר זיינע אויגען דעם אונשולדיגען אינגעל, וואָס ער איז אַמאָל געווען. ער האָט זיך דערמאָהנט, ווי אַזוי ער פֿלעגט בגנבה אַרומגעהן מיט זיין סאַמעטענעם היטעלע און דערביי איינ'חזר'ן די דרשה, וואָס ער האָט געזאָלט האַלטען ביי דער סעודה, די נאַכט פֿון דער חופה, און אַלע ווילע פֿלעגט ער פֿערזוכען פֿון די טאָרטען און די איינגעמאַכטסען, וואָס זיין מוטער האָט צוגעגרייט צו דער חתונה. מיט אַמאָל ברייגנט די פּאָסט די ידיעה, אַז די כלה איז פּלוצלינג געשטאָרבען פֿון ווינד־פּאָקען. דערמאָלט האָט ער פּונקט אַזוי ווייניג געטרויערט נאָך זיין כלה, וועלכע

ער האָט נאָך ניט געזעהן, ווי דער פּאָטער זיינער, וועלבער האָט אויף אַן אָרענטליכען אופן דורך זיין זוהן געמאַכט פּיער הונדערט גולדען און האָט איצט געקענט האָפּען אויף נייע פּיער הונדערט. „דאָס הימעלע און דער מיט זילבער־בעשלאָגענער תנ"ך זיינען שוין מיינע," האָט זיך דאָס קינד געקלעהרט, „און אויף אַ כלה וועל איך דאָך מן הסתם אויך ניט דאַרפֿען לאַנג וואַרטען. נו, און די דרשה וועט דאָך מיר צוניץ קומען אויף שפעטער." בלויז די מוטער האָט זיך ניט געקענט טרייסטען. טאָרטען און איינגע־מאַכטסען קענען לאַנג ניט האַלטען, בעזונדערס ווען ס'איז ניטאָ קיין פלאַץ וואו זיי צו בעהאַלטען פאַר די געהיימע אָנגריפֿען פֿון אַן ענטטוישטען חתן.

ערשט איצט איז דעם אָרעמען מימון קלאָהר געוואָרען, ווי זיין מזל האָט זיך דאַן אַ דרעה געטהאָן פאַר איהם צום שלעכטען! וואָרים ער איז סוף כל סוף אַריינגעפאַלען צו דער אלמנה פֿון נעזוויג אין די הענד, אַ פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ שיינק אין דער פאָרשטאָדט און אַ בית יחידה, אַן איין־איינציגע טאָכטער. זי איז ניט געווען קיין גרויסע גביר'טע, נאָר דער־פאַר האָט זי געהאַט אַ געוואַלדיגע אַמביציע, און זי האָט געוואָגט צו טרוי־מען וועגען אַ שידוך צווישען דעם בעריהמטען וואונדער־קינד און איהר טאָכטער שרה. ס'האָט ניט געהאָלפען, וואָס מען האָט איהר עטליכע מאָל אָבגעזאָגט, קיין זאַך האָט איהר ניט אָבגעשראָקען, און נאָכדעם ווי זי האָט אָנגעווענדעט אַלע סאָרטען כיטרעקייט און אינטריגעס, אַלע געזעצליכע און אונגעזעצליכע קאַמפף־מיטלען, האָט זי איהרם אויסגעפיהרט: זי האָט געקריגען דעם חתן, וואָס זי האָט געוואונשען. דורך וואָס פאַר אַ קליינלי־כער ליסטיגקייט האָט זי ביי איהם אַרויסגעריסען דעם לעצטען טשאַנס פון גליק, ווען זיין צווייטער מחותן, יענער רייכער סוחר, האָט אונגליקליכער־ווייזע איבערגענעכטיגט ביי איהר אין קרעטשמע! זי האָט כלומר'שט איהם געוויזען אַ פריהערדיגע „תנאים", ווען ער האָט איהר מיט שטאָלץ פאָר־געלייגט דעם דאָקומענט, לויט וועלכען דער בעריהמטער שלמה איז פער'־קנס'ט מיט זיין טאָכטער! דערנאָך, אַז דעם אינגעל'ס מוטער איז אין אָט דער קריטישער צייט געשטאָרבען, האָט זיך די אלמנה ניט צוריקגעשראָ־קען דערפֿאַר, אַרויסצוקריגען פון געריכט אַ בעפעהל, אַז דער טויטער קערפער זאָל ניט געבראַכט ווערען צו קבורה, ביז וואַנען דער פראָצעס צווישען איהר און זיין פאָטער וועט זיך ענדיגען. אומזיסט האָט דער רייכער סוחר אַרויסגע'גנב'עט דעם חתן, איהם אַריינגעזעצט אין זיין וואָגען און אין אַ פינסטערער נאַכט איהם אַוועקגעפיהרט ווייט פון דערהיים. ס'האָט ניט געהאָלפען. מען האָט דעם אינגעל נאָכגעיאָגט און איהם צוריקגעבראַכט,— צוריקגעבראַכט צו פיהרען אַ שווידערליכעס לעבען ביי זייז שוויגער אין הויז,

אין אייביגע רייסעריען און קריגעריען, זיך אַרומוואַרפֿענדיג מיט שטיקער געפּעס אין די קעפּ. דאַן, ווען ער האָט שוין געבראַכט עטליכע קינדער אויף דער וועלט, איז ער געצוואונגען געווען זיך צו דערוויטערן פֿון דערהיים און ענדליך פֿערשווינדען פֿון יענער זייט גרענעץ.

אָרעמע שרה! איצט האָט ער מיט מילדקייט געטראַכט וועגען איהר. אַן אַנגענעהמעס וועזען, טהעטיג און געפֿיהלפֿול, הגם אַביסעל אָנגעשטעקט מיט דער מוטער'ס עקשנות. ס'איז קיין צווייפֿעל ניט, אַז זי איז נאָך איצט אויך געווען דער אלמנה'ס רעכטע האַנד אין דער קרעטשמע. אַך, ווי שעהן האָט זי אויסגעזעהן אין יענעם טאָג, ווען דער שכור'ער פֿירסט ראַדזיוויל האָט דאָרט אין קרעטשמע געוואָרפֿען אַן אויג אויף איהר און אין זיין בע־זויפֿענעם צושטאַנד געזאָגט: „ווירקליך אַ שעהנע יונגע פֿרוי! מעהר ניט זי דאַרף זיך אָנטהון אין אַ וויס העמד." אַן אויסדרוק, ביי וועלכען די ניכטערע הערען פֿון זיין סוויטע האָבען איהר געגעבען דעם וואונק צו נעהמען דעם וועג און זיך ניט געפֿינען פֿאַר זיינע אויגען.

אַצונד אין זיין פֿערצווייפֿלונג האָט זיך דער ענטטוישטער וואַנדערער אין דעם לאַנד פֿון וויסען מיט ביינקעניש אומגעקעהרט צו איהר בילד, און ער האָט ביטער געוויינט אויף די פֿיעלע מיילען, וועלכע האָבען איהם אָב־געשיידט פֿון די זייניגע, פֿון די אַלע, וואָס האָבען געזאָרגט פֿאַר איהם. ווי יועט זיין דוד'ל פֿאָרט אויסוואַקסען — זיין בכור מיט די געגרייזעלטע האָר, דאָס קינד פֿון זיין פֿערצעהנטען יאָהר? ער איז שוין כמעט אַ צעהן יעהריגער אינגעל און אין עטליכע יאָהר אַרום וועט ער ווערען „בר מצוה". אַ שטראָם פֿון געפֿיהלען, אַ כוואַליע פֿון זיין פֿריהערדיגען רעליגיעזען פֿייער, האָט איהם דורכגענומען און האָט אין איין וועג מיטגעבראַכט מיט זיך דעם טעם פֿון אַמאָליגע יום טוב'דיגע מאכלים און דעם אָבקלאַנג פֿון וויטע, זיסע טענער פֿון דער שוהל. אַה, נאַר איינער, נאַר איינער, זיך ניט צו־פֿריעדענצושטעלען מיט דעם אמת, וואָס האָט צופֿריעדענגעשטעלט זיינע עלטערען, ניט צו וועלען געפֿינען רוהה לעבען דער פֿרוי, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען! אפילו די שוויגער זיינע האָט ער איצט געזעהן אין אַ מילדערן ליכט דורך די טרעהרען פֿון זיינע אויגען. זי האָט איהם לכל הפחות געהאַלטען טהייער, האָט געקעמפּפֿט מיט אַלע כוחות און מיט אַלע מיטלען איהם צו קריגען, אָבער אָט די גראָבע בערלינער — ! צאָרענדיג האָט ער צונויפֿגעדריקט די פֿויסטען, די גאַנצע מאָס פֿון אונגערעכטיגקייט איז איהם אַצונד ווידער געקומען צום בעוואוסטזיין. זיינע הענד האָבען גע־ברענט ווי פֿייער, זיין שטערן איז געווען צומאַטערט פֿון שטעכענדע שמערצען. אין זיין זכרון איז ווידער אַרויפֿגעקומען דער פֿירסט ראַדזיוויל

און יענער טאָג אין קרעטשמע. ער האָט געזעהן, ווי דער מוטהווילינער פֿירסט לאָזט זיך אַרויס מיט דעם גאַנצען קריגערישען פּאַראַד אויף אַ בע־זוך אין אַ דאָרף, וואָס איז קוים פֿיער מייל די ווייט פֿון זיין שלאָס. פֿאָר־אויס ציהען זיך זיינע באַטאַליאָנען אינפֿאַנטעריע, אַרטילעריע און קאַוואַלע־ריע, דאַן זיין לייב-גוואַרדיע, וואָס בעשטעהט פֿון פֿעראָרעמטע פריצים, דערנאָך קומט זיין קיך־וואָגען, די מוזיק, זיין קעניגליכער עקיפּאַזש, וואו ער ליגט גראָד אַ בעזוייפֿענער פֿון אונגאַרישען וויין און כראָפּעט, און ענד-ליך די מחנה פֿון זיינע לאַקייען. דאַן האָט ער געזעהן, ווי מען האָט דעם גרויסען פֿירסט, אין די שטיוועל און די שפּאָרען, אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף זיין שווינגער׳ס שמוציג בעט, וואָרום פֿערבייגעהענדיג די קרעטשמע, האָבען די העררען פֿון זיין סוויטע געפֿונען פֿאַר נייטיג צו געבען דעם פֿירסט אַ בע-סערן געלעגער ווי אין וואָגען. דאָ, אַרומגערינגעלט פֿון אַלערליי משרתים, ווייסע און שוואַרצע, האָט ער אָבגעכראָפּעט די גאַנצע נאַכט, בעת ווען די אונערמידליכע בעל הבית׳טע האָט ווי געוועהנליך אין דעם זעלבען צימער נעקאָכט די מאָהלצייטען און צוהאַקט דאָס נייטיגע האָלץ. און דאָ אין דער פֿעררויכערטער, שמוציגער קרעטשמע מיט די צובראָכענע פֿענסטער און באַלקענס, וואָס זיינען געוועזען אונטערגעשפּאַרט פֿון פראָסטע בוים־שטאַמען, אויף אַ בעט, וואָס האָט געקישעט מיט אינזעקטען — דאָ האָט זיך דער פּרינץ אויפֿגעכאַפּט. נאָר די גאַנצע געשיכטע האָט איהם ניט אָנגעהויבען אַרען; ווען מען האָט איהם ערקלעהרט די זאַך, האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בעפֿעהל צוצוגרייטען אַ באַנקעט דאָ אויף׳ן פלאַץ.

דעם אָרעמען, פֿערשמאַכטען מימון איז אַריבערגעלאָפֿען די סלינע אי־בער׳ן מויל, ווען ער האָט זיך דערמאָהנט אָן יענעם פֿעררריקטען, צוויּשע־טען באַנקעט, מיט די בעסטע וויינען און די געשמאַקסטע געריכטען, און וואו פרינצען און פֿירסטען זיינען געזעסען אויף די שמוציגע בייִנק פֿון דער קרעטשמע און האָבען געגעסען און געטרונקען. די בעכער זיינען אין אַ וועט אויסגעליידיגט געוואָרען ביי דעם קלאַנג פֿון אַ קאַנאָן. די ריכטער, וואָס האָבען בעשטימט, אַז דער טרינק־פּרייז קומט דעם פֿירסט, זיינען בעלוינט געוואָרען מיט גיטער, וועלכע האָבען געהאַט אויף זיך הונדערטער בויערן. מימון האָט גענומען נאָכמאַכען דעם קלאַנג פֿון דעם קאַנאָן, און אין זיין פֿאַנטאַזיע האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי ער לאָזט זיך לויפֿען מיט אַ ווילדען צאָרן צו דער שוהל, פּונקט ווי דער פֿירסט ראַדזיוויל, וועלכער האָט אַלעס צושמעטערט און פֿערוויסטעט, אַרויסגעריסען די ספר תורה׳ס פֿון ארון קודש און זיי געטראָטען מיט די פֿיס! יאָ, זיי האָבען עס כשר פֿערדיענט, אָט די פֿייגע פֿאַנאַטיקער! אַרונטער מיט דער תורה, אויף׳ן

פֿייער די רבנים! אַ — האַ! אַוועק מיט די תפֿילין, אונטער די פֿיס דער־מיט — אַזוי — און אַזוי! און —

די סאָלדאַטען פֿון דער וואַך האָבען בעמערקט, אַז ער ליגט אין אַ שטאַרקען פֿיבער, און זיי האָבען אַרויסגערופֿען דעם אידישען אויפֿזעהער, וועלכער האָט איהם צוריק אַריינגעטראָגען אין אָרעמען־הויז.

## II.

אויף מאָרגען אין דערפֿריה האָט זיך מימון אויפֿגעכאַפּט מיט אַ פֿולען קלאָהרען בעוואוסטזיין און האָט גלייך פֿערשטאַנען, אַז ער איז קראַנק. „גאָט זיי דאַנק,“ האָט ער געטראַכט ביי זיך מיט פֿרייד; „אַצונד וועל איך דאָ קענען בלייבען עטליכע טעג, כ׳וועל קריגען צו עסען, און פֿילייכט איז נאָך צו האָפֿען, אַז עס וועט זיך געפֿינען אַ גוטער בעזוכער, וואָס זאָל זיך אָננעהמען פֿאַר מיר. ווען איך קען צושיקען אַ פּאָר ווערטער צו דעם הערר מענדעלזאָהן, וואָלט ער אודאי געטהאָן עפּעס מיר אַרויסצוהעלפֿען פֿון מיין נויט. וואָרים איין געלעהרטער מוז דאָך רחמנות האָבען אויף דעם אַנדערן.“

אָבער אויך אָט די רויזיגע ערוואַרטונגען זיינען געוואָרען צונישט. דער אויפֿזעהער האָט אַ טאַפּ געטהאָן מימון׳ן ביים דופּק און שטערן, האָט איהם אָבגעגעבען צוריק זיין פּירוש אויף דעם „מורה נבוכים“ און איהם העפֿליך בעגלייט צום טויער אַרויס. מימון האָט ניט געפֿונען קיין וואָרט אַנטקעגען צו ריידען, ער איז געוועזן ווי געלעהמט.

„נו, וואָס וועט איצט זיין, דו „מורה נבוכים“, דו „פֿיהרער פֿון די בלאָנדזשענדע“?“ האָט ער אויסגערופֿען, אַראָבקוקענדיג ווי פֿערשטיינערט אויף זיין אונגליקליכען מאַנוסקריפּט. „אַך, משה בן מימון, דו, ביי וועמען איך האָב אַזוי אָפֿט געשוואָרען, קענסט דו מיר איצט נים העלפֿען? זעה, מיינע קעשענעס זיינען אַזוי פוסט ווי די קעפּ פֿון דיינע געגנער.“

ער האָט אויסגעקעהרט זיינע קעשענעס און—זעה נאָר! עטליכע זילבערנע מטבעות זיינען אַרויסגעפֿאַלען פֿון דאָרט און האָבען זיך לוסטיג געקייקעלט אויף דעם שאָסעע. „אַ נס!“ האָט ער מיט פֿרייד אויסגערופֿען. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָס האָבען איהם די גבאים געגעבען די עט־ליכע מטבעות, בשעת זיי האָבען איהם אַרויסגעשיקט פֿון דער שטאָדט, און ער האָט זיי מעכאַניש אַריינגעלייגט אין טאַש, בלייבענדיג אַ צוטומעלטער פֿון זייער אום׳ברחמנות׳דיגען אורטהייל. יאָ, ווי אַ ריכטיגער בעטלער איז

ער בעהאַנדעלט געוואָרען. ביי דעם געדאַנק זיינע זיינען ניט-ראַזירטע באַקען רויט געוואָרען פֿאַר שאַנדע. ס'איז אמת, אַז ער האָט אויסגענוצט די גאַסט-פֿריינדשאַפֿט פֿון פֿרעמדע מענשען, אָבער דאָס איז געווען אַ בעלוינונג פֿאַר זיין לומדות, און די פֿרייע רייזע קיין קעניגסבערג און שטעטין איז מען איהם שולדיג געווען אַלס געלערענטען מאַן. קיינמאָל האָט ער זיך ניט אַראָבגעלאָזען צוווירקליכע שנאָרעריי. ער האָט צונויפֿגעדריקט זיין פֿויסט און זי אויפֿגעהויבען אַנטקעגען דער שטאָדט. נישקשה, ער וועט זיי נאָך אַמאָל וואַרפֿען דאָס געלד זייערס אין פנים אַריין! דאָס טראַכטענדיג, האָט ער אַריינגעלייגט די מטבעות צוריק אין טאַש אַריין, האָט זיך פֿערנומען אין דעם ערשטען בעסטען זייטען־וועג און זיך איבערגעגעבען דעם צופֿאַל אין די הענד. אין דעם שיינק, וואו ער איז אַריין, עפּעס נעהמען אין מויל, האָט ער צו זיין פֿרייד געפֿונען אַ ברודער־אידען, וועלכער איז געגאַנגען פונקט אין אַזעלכע טראַנטעס ווי ער.

מימון האָט זיך ביי איהם נאָכגעפֿרעגט מכח די וועגען און וואוהין זיי פֿיהרען, און צו זיין ערשטוינונג איז ער געוואָהר געוואָרען אַז זיין קאָמפּאַ-ניאָן איז אַ פּראָפֿעסיאָנעלער שנאָרער.

„וואָס זשע, איהר זייט עס דען ניט?" האָט דער בעטלער געפֿרעגט, פונקט אַזוי איבעררעאַשט.

„ניין, געוויס ניט!" האָט מימון אויסגערופֿען מיט כעס.

„אַן עבירה, וואָס איהר פֿערשווענדעט אַזעלכע גוטע שמאַטעס פֿאַר גאָרנישט!" האָט דער שנאָרער געזאָגט.

„וואָס פֿאַר אַ פֿערשווענדונג פֿון אַזעלכע געזונדע הענד!" האָט מימון געענטפֿערט, וואָרים דער בעטלער איז געווען אַ געזונדער, קרעפֿטיגער יונג. „ווען איך האָב אייערע שולטערן, וואָלט איך געטראָגען מיין קאָפּ אַביסעל שטאָלצער אויף זיי."

דער שנאָרער האָט אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען. „בלויז שוטים אַרבייטען. וואָס האָט אייך די אַרבייט אַריינגעבראַכט? שמאַטעס. איהר הויבט אָן מיט אַרבייט און הערט אויף מיט שמאַטעס; איך הויב אָן מיט שמאַטעס און הער אויף מיט מאָהלצייטען."

„אָבער האָט איהר גאָר קיין רעספּעקט ניט פֿאַר זיך אַליין?" האָט מימון אויסגערופֿען פֿול מיט ערשטוינונג. „גאָר קיין מאָראַל, קיין רע-ליגיאָן ניט?"

„איך האָב אַזויפֿיעל רעליגיאָן ווי יעדער אַנדער שנאָרער דאָ אויף'ן וועג," האָט דער בעטלער געענטפֿערט מיט שטאָלץ. „איך היט אָב שבת."

„יאָ, ווירקליך," האָט זיך מימון אָבגערופֿען מיט אַ שמייכעל; „אונזערע

חכמים זאָגען: „עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות" (מאַך ליעבערשט דיין שבת צו אַ וואָכעדיגען טאָג, איידער דו זאָלסט אָנקומען צו לייטען, דאָס הייסט בעטלען); איהר זאָגט: מאַך ליעבערשט דיינע וואָכען-טעג צום שבת, איידער דו זאָלסט זיך פֿערלאָזען אויף זיך אַליין." ביי זיך האָט ער זיך געטראַכט: „דאָס איז ווירקליך וויציג; מען מוז עס געדיינקען און עס דערצעהלען לפידות'ן." און ער האָט בעשטעלט אַ צווייטע גלאָז בראַנפֿען.

„יאָ, אָבער מיר דוכט, אַז פֿיעלע פֿון אונזערע חכמים זיינען פּשוט אָבהייגיג פֿון זייערע פֿרויען און לעבען פֿון דעם, וואָס זיי פֿערדיענען. איך האָב ניט חתונה געהאַט, בין אויסגעקומען אָהן אַ פֿרוי, זאָל איך דערפֿאַר איך אויסקומען אָהן מיינע לעבענס-מיטלען?"

מימון האָט זיך אַמוזירט און אין דערזעלבער צייט האָט עס איהם איך אָבגעשטויסען. אונבעריהרט האָט ער אַוועקגעשטעלט זיין גלאָז בראַנפֿען. „אָבער ווער עס נעהמט ניט קיין ווייב, דער בעגעהט אַ זינד. דער מאַן האָט די פֿליכט צו בריינגען קינדער אויף דער וועלט, צו גרינדען אַ היים; וואָרים וואָס איז ציוויליזאַציע אויב ניט די היים, און וואָס איז די היים אויב ניט רעליגיאָן?" מיט טיעפֿער ערנסטקייט האָט דער וואַנדערער אָט די ווער- טער גערעדט; אין דער קלאָהרקייט, מיט וועלכער ער האָט געזעהן פֿאַר זיך דעם רעכטען וועג, האָט ער זיך גאָר פֿערגעסען אין זיין אייגענער זינד, איבערלאָזענדיג זיין פֿרוי און זיינע קינדער.

„אַך, איהר זייט איינער פֿון די ריכטיגע צבוע'יאַקעס," האָט דער ישנאָרער געזאָגט. „כ'מיין, מיר ביידע וואָלטען געקענט עפּעס בעסערס טהאָן, איידער זיך אַרומרייסען צווישען זיך. וואָס דיינקט איהר מכח אַ שותפות?"

„אין בעטלעריי?"

„וואָס זשע דען האָב איך אייך אָנצובאָטען? איהר זייט פֿרעמד דאָ אין לאַנד — איהר קענט ניט די וועגען — איהר האָט ניט קיין געלד."

„זייט מוחל, איך האָב נאָך אַ טהאַלער."

„ניין, איהר האָט איהם ניט — וויל איהר גיט מיר איהם אַוועק פֿאַר דעם אַריינטרעטען אין מיין שותפות."

מימון'ס נייגיעריגקייט האָט זיך צושפּיעלט. „אָבער וואָס קריג איך פֿאַר מיין טהאַלער?"

„מיין ערפֿאַהרונג!"

„אויב אַזוי, דאַן ברייננגט אייך מיין שותפות אייגענטליך גאָרנישט איין."

„אָה דאָך, ס'וועט מיר שוין איינברייננגען. ראשית כל דעם טהאַלער. אַחוץ דעם קענט איהר מיט אייער לומדות און מיט אייער מאָראַל שטאַרק צוניץ קומען דאַן, ווען עס שעפּען זיך אויס ביי מיר די פּסוקים און די פֿרעמדע

שטיקלאַך, וואָס איך זאָג איבער. אין די קליינע דערפֿער וועלען מיר אַרום-געהן צוזאַמען; מיר וועלען אָבשילדערן די שטאַרק פֿערשפּרייטע אָרעמקייט און נויט, דערצעהלען מכח דעם, ווי אַזוי אונזער שטאָדט איז חרוב געוואָרען דורך אַ פֿייער, דורך שרעקליכע רדיפות און וואָס איהר ווילט אַליין. איין בעטלער קוקט אוים ווי אַ ליגנער; צוויי צוזאַמען זיינען מאַרטירער."

„איהר בעטעלט, הייסט עס, בלויז אין דערפֿער?"

„ניין! אָבער אין די שטעדט וועלען מיר זיך צושיידען. איהר וועט זיך נעהמען איין העלפֿט, איך די אַנדערע. דאַן וועלען מיר זיך בייטען, נאָכדעם ווי יעדער איינער פֿון אונז וועט שוין האָבען די ערפֿאַהרונג, וואו די בעלי צדקה וואוינען אין יעדער העלפֿט שטאָדט. דאָס מאַכט ווייניגער מיעד."

„דאַן מוזען, הייסט עס, די וואָהלטהעטיגע לייט געבען צוויי מאָל."

„איז וואָס? זיי פֿערדיענען אויף אַזאַ'ן אופן אַ דאָפּעלטע מצוה. צדקה רופֿט אַרוים צדקה."

„אַ זעלטענער חברה-מאַן," האָט זיך מימון געטראַכט. „ווי וואָלט זיך לפידות איבער איהם אַמוזירט! ער איז דאָך ווירקליך גערעכט. די געגענד איז מיר לחלוטין פֿרעמד. ווען איך זאָל מיט איהם אַרומוואַנדערן אַ שטיקעל צייט, קען איך אַסך לערנען. און ער ווידער קען לערנען פֿון מיר. ער האָט אַ גוטען קאָפּ, און איך קען איהם פֿערשאַפֿען אַ ריכטיגען בעגריעף מכח פֿליכט און גוטע מדות. אַחוץ דעם, וואָס קען איך איצט אָנפֿאַנגען צו טהאָן, אַז ניט דאָס?" אַזוי האָט ער אַ וואָרף געטהאָן זיין טהאַלער אין דער לופֿ-טען און אויסגערופֿען: „אָבגעמאַכט!"

געשיקט האָט איהם דער בעטלער אויפֿגעכאַפּט. „בעל הבית," האָט ער אַ געשריי געטהאָן, „נאָך אַ גלאָז פֿון אייער אויסגעצייכענטען שנאַפּס!" און עס גלייך נעהמענדיג צו די ליפּען, ווען מען האָט עס איהם דערלאַנגט, האָט ער געזאָגט: „לחיים, ברודער, דאָס איז פֿאַר אונזער שותּפות."

„וואָס, און פֿאַר מיר! וואו איז מיין גלעזעל?" האָט מימון אויסגערופֿען מיט אַ מיענע פֿון דערשלאָגענקייט.

„אָט אַזוי, אַפֿריהער בעטעלט עס אוים ווי געהעריג איז," האָט דער שנאָרער געלאַכט. „דאָ האָט איהר אייער ערשטע לעקציאָן אין בעטלעריי. בעל הבית, אַלזאָ נאָך אַ גלאָז פֿון אייער אויסגעצייכענטען בראַנפֿען!"

און אַזוי האָט זיך דער פֿילאָזאָף, וועמעס גייסט האָט שטענדיג גע-דרעהט און אויף שטיקלאַך צוגליעדערט דעם וועלט-אַל, אַוועקגעלאָזט וואַנ-דערן איבער דייטשלאַנד מיט אַ בעטלער, וואָס האָט קיין אַנדער זאַך ניט אין זינען געהאַט נור אָנצופֿילען זיין בויך. זיי האָבען געהאַט בלויז אַ קליינעם פֿעלד פֿאַר זייער שנאָרעריי און מיט ווייניגער ערפֿאָלג ווי זיי האָבען ביידע

ערוואַרטעט. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס זיי האָבען צייטענווייז געהאַט נישקשה'דיגע הכנסות, איז פֿונדעסטוועגען קיינמאָל ניט געווען אויף קיין רעכטע מאָהלצייט אָבצועסען, און אָפֿט האָבען זיי געמוזט זיך בענוגענען מיט פֿערשימעלטע ברויט און וואַסער, ליגען אויף האַרטען שטרוי אָדער זאָגאַר אויף דער הויהלער ערד.

„איהר שעלט ניט גענוג,“ האָט זיך דער בעטלער אָפֿט געבייזערט.

„פֿאַרוואָס קומט עס אַ מענשען גלייך צו פֿערשעלטען, ווען ער גיט נים קיין נדבה?“ האָט דער פֿילאָזאָף כסדר געטענה'ט. „אַחוץ דעם ווערט ער נאָך דורך דעם אַריינגעבראַכט אין כעס און איז אַסך וויינינגער געניינגט עפּעס צו געבען.“

„לאָזט די פֿילאָזאָפֿיע אייערע אָן אַ זייט, שעלט!“ האָט דער בעטלער געשריען. „ווי אָפֿט זאָל איך אייך ערקלעהרען, אַז קללות וואַרפֿען אָן אַ מורא אויף דעם עולם.“

„ס'הויבט זיך ניט אָן,“ האָט מימון געמורמעלט אַ פֿערציטערטער.

„ניט? יאָ, וואָס איז אַזוינס רעליגיאָן, אויב ניט מורא?“

„פֿאַלשע רעליגיאָן, אויב איהר ווילט. אָבער אמת'ע רעליגיאָן איז, ווי דער רמב"ם זאָגט, דאָס דערגרייכען פֿון פֿאָלקאָמענהייט דורך דעם וואָס מען דערקענט גאָט און מען טהוט נאָך זיינע מעשים.“

ניט קוקענדיג דערויף פֿלעגט מימון, ווען זיי האָבען געבעטעלט צו־זאַמען, אַרויסלאָזען אַן אונדייטליך געוויין, וואָס מען האָט געקענט פונקט אַזוי גוט אָננעהמען פֿאַר אַ בקשה ווי פֿאַר אַ קללה. אַז ער פֿלעגט בעט־לען אַליין, דאַן פֿלעגען די אַלע רייד, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערענט פֿון דעם שנאָרער, אָבשטאַרבען ביי איהם אויף דער צונג. אָבער זיין שטיל־שווייגען פֿלעגט אַרויסרופֿען מעהר רחמנות ווי זיינע רייד. וואָרים ער איז אַרומגע־גאַנגען באָרוועס און כמעט נאַקעט. דאָך אין רעכטען מיטען פֿון אָט די אַלע שרעקליכע אומשטענדען האָט זיין גייסט ניט אויפֿגעהערט צו דרעהען און צו קעהרען דעם אוניווערזום, איהם שאַרפֿזיניג צו צוגליעדערן, צו וואָס דער מוח פֿון'ם פוילישען אידען איז געווען צוגעגרייט דורך גאַנצע יאָהר־הונדערטע פֿון איבערגעשפּיצטקייט. איצט איז אָט די גייסטעס־אַרבייט צום ערשטען מאָל וויסענשאַפֿטליך אָנגעווענדעט געוואָרען אויף די ווירקליכע וועלט, אָנשטאָט דעם וואָס זי איז פֿריהער פֿאַנטאַסטיש אָנגעווענדעט גע־וואָרען אויף דער תורה. און פֿלייכט האָט איהם דאָס רעטעניש פֿון דעם דאַזיין, וואָס האָט אַזוי דרייסט, אַזוי העזה'דיג אַרויסגעבלישטשעט פֿון די שטערען, אַם שטאַרקסטען געמאַטערט דאַן, ווען ער פֿלעגט ליגען אויף דער הוילער ערד.

אַזוי איז אַריבער אַ האַלב יאָהר צייט. ניט מימון האָט זיך אויסגעלערענט בעטלען, ניט דער בעטלער האָט זיך אָנגעאייגענט די פּרינציפּען פֿון מאָראַל. ווי אָפֿט האָט זיך דער פֿילאָזאָף פֿערביינקט נאָך זיין אַלטען פֿריינד לפידות, דעם קברות־מאַן'ס איידים, כדי מיט איהם צו ריידען איבער אַלע מעגליכע זאַכען, אָנשטאָט צו פֿערברייננגען מיט דעם דאָזיגען געזונקענעם וואַגאַבונד. זיי ביידע, ער און לפידות, זיינען דאָך אויך געווען אָרים געגנוג, אָבער אַך, ווי אַנדערש האָבען זיי זיך בענומען דערמיט! ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי לפידות האָט ווי עס איז אָנגעשפּילעט דעם אויסגעריסענעם אַרבעל צום ראָק און דערביי האָט ער אויסגערופֿען: „זעה איך ניט אויס ווי אַ שלאַכציץ, ווי אַ פּריץ?" ער ווידער פֿלעגט תמיד ריהמען די מעלה פֿון זיינע צוריסענע שיך: „זיי פֿערשפּאָרען צו קוועטשען אין די שפּיץ פֿינגער." ווי האָבען זיי, ער און דעם קברות־מאַן'ס איידים, דערמאָלט געשפּיעלט די ציניקער און מיט'ן רידעל אויסגעגראָבען די הויהלע ביינער פֿון דער מענשליכער טוגענד. פּונקט אַזוי איבערצייגט ווי די גבאים פֿון דער שוהל פֿלעגען זיך, אין דער צייט פֿון אַ מגפה, אַרויסלאָזען איבער דער שטאָדט זוכען חטאים ביים עולם, אַזוי האָבען זיי ביידע זיך געסטאַרעט אויפֿצודעקען די געהיימע זינד פֿון די כלומר'שטע צדיקים.

„פֿאַלשע זעלבסט־צופֿריעדענהייט איז דער יסוד פֿון צופֿרידענקייט." אַזוי האָט לפידות איינמאָל, ווען זיי זיינען אַרומגעגאַנגען ביי דער שטאָדט־מוייער, געמאַכט דעם סך הכל פֿון די אַלע אונטערזוכונגען.

דערויף האָט מימון בעמערקט: „פֿריינד, פֿאַרוואָס זשע זיינען מיר אַזוי זעלבסט־צופֿריעדען, ווען מיר משפּט'ן אָב די אַנדערע? לאָמיר זיין גערעכט און בעסער אָנווענדען אונזער קריטיק אויף זיך אַליין. דאָס איצטיגע לעבען, וואָס מיר פֿיהרען, איז בלויז דער רעזולטאַט פֿון פֿוילקייט, וועלכע מיר פֿערפּוצען מיט בעטראַכטונגען מכח דער פּוסטקייט פֿון אַלע זאַכען. מיר זיינען צופֿריעדען מיט אונזערע טראַנטעס. פֿאַרוואָס? מחמת מיר זייינען צו פֿויל מעהר צו פֿערדיענען. מיר פֿעראַכטען דעם אונוויסענדען, נידעריגען עולם, וואָס גיט זיך אָב מיט דעם תאוה'דיגען עולם־הזה־לעבען. פֿאַרוואָס? בלויז דערפֿאַר וואָס ער לעבט אַנדערש, מחמת ער איז אַנדערש בעשאַפֿען ווי דו און איך. וואו ליגט דאָ אונזער גרויסקייט, ווען מיר פֿאָלגען אונזערע נייגונגען, ווי זיי די זייערינע? בלויז אין דעם פֿאַקט, וואָס מיר זיינען זיך מודה דעם דאָזיגען אמת, בעת ווען זיי פּרעטענדירען כלומר'שט צו האַנדלען אין די אינטערעסען פֿון דער אַלגעמיינער ניצליכקייט און ניט כדי צו דערפֿילען זייערע בעזונדערע ווינשען."

„פֿריינד," האָט לפידות מיט אַ טיעף־גערירהטער שטימע געענטפֿערט,

„די גיסט פֿאַלשטענדיג געדעכט. אויב מיר קענען אין דער צוקונפֿט ניט אויסבעססערן אונזערע פֿעהלערן, לאָמיר זיך לכל הפחות ניט אָבגאַרען וועגען זיי, נאָר האַלטען דעם וועג אָפֿען פֿאַר פֿערבעססערונג."

אַזוי האָבען זיי זיך איינער דעם אַנדערן ערמוטהיגט צו קלאָהרער ערקענטניס און צו אַ העכערן לעבען. און נאָך אַזאַ חבר'שאַפֿט קומט איהם אויס צו פֿערברייננגען זיינע טעג מיט אַ שנאָרער! אַך, אונערטרעגליך!

אָבער ער האָט עס דאָך אַריבערגעטראָגען, ביז ס'איז געקומען די צייט, ווען די תבואה ווערט אַראָבגענומען פֿון די פֿעלדער, די צייט פֿון די ימים נוראים, ראש השנה און יום כפור, און אויך די לאַנגע קאַלטע נעכט. און דאַן האָט ער דערפֿיהלט דעם שווידער פֿון רעליגיאָן און קעלט.

ווען זיי זיינען געלעגען אין די הינטער־הייזער, דער בעטלער שלאָפֿענדיג רוהיג אין זיין דיקער יאַק און דער פֿילאָזאָף ציטערענדיג אין זיינע טראַנטעס פֿון קעלט, דאַן האָט מימון מעהר ווי אימער דערפֿיהלט זיין טיעפֿע ערנידעריגונג. זיי האָבען איצט פֿערקירעוועט זייערע טריט קיין פּוילען, און יעדער טאָג האָט מימון'ן געבראַכט אַלץ נעהענטער צו דעם גוטען איינפֿלוס פֿון זיינע פֿריהערדיגע זכרונות. איינמאָל, ווען זיי האָבען איבערגענעכטיגט אין דעם אידישען אָרמען־הויז אין פּ אָ ז ע ן — וועמעס פֿאָרשטעהער האָט זיך ערנעהרט אויף אַן עהרליכען אופן דורך שניידער־אַרבייט — האָט מימון ענדליך געפֿונען די קראַפֿט צו פֿאַסען אַ בעשלוס און זיך אָבררייסען פֿון דעם שנאָרער. ער האָט אָבגעמאַכט ביי זיך, זיך אַנידערצוּוואַרפֿען פֿאַר דער טהיר פֿון דער שוהל און דאָרט געפֿינען הילף אָדער שטאַרבען. ווען זיין קאָמפּאַניאָן האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און איהם גענומען פֿאָרלייגען דעם פּראָגראַם פֿון זייער טהעטיגקייט פֿאַר דעם טאָג, האָט ער פֿעסט געזאָגט: „ניין, איך זאָג זיך אָב פֿון דער שותפות."

„אָבער פֿון וואָס וועט איהר פֿאָרט לעבען, איהר לא־יוצלח וואָס איהר זייט?" האָט זיין חבר געפֿרעגט מיט ערשטוינונג. „איהר, וואָס איהר קענט דאָך אפילו בעטלען אויך ניט?"

„גאָט וועט העלפֿען," האָט מימון מיט אַן איינגע'עקשן'טען טאָן געענטפֿערט.

„זאָל אייך גאָט העלפֿען," האָט דער בעטלער געזאָגט.

מימון איז אַוועק אין תלמוד תורה. דער מלמד איז גראָד ניט געווען דאָרט, און אַ ליאַרמענדע מחנה פֿון אינגלעך האָט איהם אויפֿגענומען. זיי האָבען אויפֿגעהערט שפּיעלען אָדער לערנען און זיך אַרומגעקליבען אַרום דעם אָבגעריסענעם, איהם פֿערוואַרפֿענדיג מיט אַלערליי פֿראַגען און מאַכענדיג חוזק פֿון זיין ליטווישער אויסשפּראַך — זיין פֿערבייטען דעם „ש" אויף „ס".

אָבער דאָס האַט דעם פילאָזאָף ניט אָבגעשאַקען. צום גליק איז איהם אַרויף אויף'ן זינען, אַז ער האָט דאָ אין פּאָזען אַן אַלטען פריינד, וואָס איז אָנגעקומען אהער אַלס הויפּט־שרייבער ביים אויבער־ראַבינער, און ער האָט זיך איצט נאָכגעפרעגט אויף איהם. די ידיעה, אַז דער אויבער־ראַבינער איז אַוועק אויף אַן אַנדער שטעלע, מיטנעהמענדיג זיין שרייבער מיט זיך, האָט איהם פון דאָס ניי אַריינגעבראַכט אין פערצווייפלונג. אַ פונק פון האָפנונג האָט זיך דאָך בעוויזען פאַר איהם, ווען ער איז געוואָהר געוואָרען, אַז דעם שרייבער'ס אינגעל איז איבערגעבליבען אין פּאָזען ביי דר. הירש יאַנאָוו, דעם נייעם אויבער־ראַבינער.

אָט דער אינגעל איז פאַר איהם ווירקליך געווען אַן ערלייזער. ער האָט דערצעהלט דעם דר. הירש יאַנאָוו, אַז אַ גרויסער למדן און אַ פרומער מאַן איז דורך אַ צופאַל אַריינגעפאַלען אין עלענד און נויט. און ריכטיג! דער גוטהאַרציגער מאַן האָט תיכף געשיקט רופען מימון'ן, האָט איהם פערהערט און געפינענדיג, אַז זיין לומדות איז ווירקליך זעהר גרויס און טיעף, האָט ער ממלא געווען זיין בקשה און איהם געהייסען בלייבען אין פּאַזען איבער די הייליגע טעג. דאַן האָט ער איהם אַוועקגעגעבען דאָס גאַנצע געלד, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך — דער פערהאַרטעוועטער בעטלער האָט עס צוגענומען, ניט ווערענדיג רויט דערביי — איהם איינגעלאַדען אויף יעדען שבת אַלס אורח ביי זיין טיש און מיטגעשיקט מיט איהם דעם אינגעל, ער זאָל איהם קריגען אַ „בכבוד'יגע קוואַרטיר".

יענעם נאָכמיטאָג, ווען ער האָט פערלאָזען דעם ראַבינער'ס הויז, האָט מימון מיט זיינע אייגענע אויערן געמוזט צוהערען די קולות און די פאַרוווּרפע פון דער רבי'צין.

„אַזוי!" האָט זי געשריען אויף איהר מאַן. „דו האָסט שוין ווידער אַוועקגעגעבען דאָס געלד, וואָס איך דאַרף האָבען פאַר מיין בעל הבית'ישקייט, צו אַ לומפּ און אַ טויגעניכטס. מיר וועלען דאָך קיינמאָל ניט אַרויסקריכען פון אונזערע חובות."

„שטיל! שטיל!" האָט דער רב מיט אַ מילדען טאָן געזאָגט. „ער קען דיך נאָך דערהערען און דו וועסט פערלעצען די געפיהלען פון אַ גרויסען למדן. דאָס געלד האָט מען מיר געגעבען אויף צו צוטהיילען."

„די געשיכטע האָט שוין אַ באָרד," האָט די רבי'צין מיט כעס געשריען.

„ער איז אַן אמת'ער צדיק," האָט דער אינגעל געזאָגט מימון'ן אויף'ן וועג. „ער פאַסט יעדען טאָג פון דער וואָך ביז נאַכט, און אַ חוץ שבת עסט ער קיינמאָל קיין פלייש ניט. ער קריגט קליינע שבירות, אָבער ער איז בעליעבט און געאַכטעט ביי אַלעמען. מען רופט איהם דער חריף". מימון האָט

איינגעשטימט מיט דעם אַלגעמיינעם אורטהייל. דער גוטהאַרציגער, אָבגע־צעהרטער היליגער מאַן האָט אָנגעריהרט די אַלטע שפרונדזשינעס פון זיין רעליגיעזען געפיהל און אַרויסגערופען טרעהרען פון מעהר ווי דאַנקבאַרקייט אין זיינע אויגען.

זיין זעעלע האָט אויף אַ מאָמענט געפיהלט די ווירקונג פון יענער אי־נערליכער וועלט, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען דורך דאָס אידישע האַרץ, פון יענער שעהנער וועלט פון צערטליכסטער ליעבשאַפט און שטריינגסטען גערזעץ, אין וועלכער הקדוש ברוך הוא (וואָס האָט אויסגעקליבען דאָס פאָלק ישראל צו פערשפרייטען היילינקייט צווישען די אַנדערע פעלקער) טהוט זיך אויף אַ מיסטישען אופן אָן אין טלית און תפילין און איז מתפלל צו זיך אַליין: „יהי רצון — עס זאָל זיין מיין ווילען, אַז מיין רחמנות זאָל בייקו־מען מיין צאָרן.“

ווי גרויס איז געווען מימון'ס איבעראַשונג, ווען ער האָט געקריגען אַ קוואַרטיר ניט ערגעץ אויף אַן אָרעמען בוידים, נאָר אין אַ שטודיר־צימער ביי איינעם פון די אָנגעזעהענסטע אידען פון דער שטאָדט. נאָך גרעסער איז זיין ערשטוינונג געווען, ווען ער האָט דער בעל הבית'טע געגעבען עטליכע העלער מיט דער בקשה, איהם צו קויפען אַביסעל גריץ אויף וועטשערע.

„ניין, ניין,“ האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעל. „דער אויבער־ראַבינער האָט אונז ניט אָנגעזאָגט, אייך צו קויפען גריץ. מיין מאַן און מיין זוהן זיי־נען ביידע לומדים, און אַזוי לאַנג ווי איהר האַלט זיך אויף דאָ אין פאָזען, וועט עס פאַר זיי זיין אַ גרויסע פרייד, ווען איהר וועט אונז אָנטהון דעם כבוד און עסען ביי אונזער טיש.“

מימון האָט גאָר ניט געוואָלט גלויבען זיינע אייגענע אויערן; נאָר די אויסגעצייכענטע וועטשערע איז געווען אַן אונבעשטרייטבאַרער בעוויז, אַז ער האָט דער בעל הבית'טע ריכטיג פערשטאַנען. דערנאָך האָט מען איהם געגעבען אַ ריין בעט. אַך, ווער קען בעשרייבען דאָס זיסע געפיהל, אויס־צושטרעקען די צובראָכענע גליעדער אויף ווייכע פעדערן! וואָס פאַר אַ תענוג דאָס איז צו ליגען אויף ריינע, שמעקענדע בעט־געוואַנד, ווען מען האָט אַ האַלב יאָהר נאָכאַנאַנד זיך אַרומגעוואַלגערט אין שטאַלען!

ס'איז געווען די העכסטע גליקזעליגקייט פון זיין לעבען. אַוועקגעטראָ־גען צו ווערן פון אַזאַ כוואַליע פון גליק, דאָס האָט איהם נאָך קיינמאָל ניט פאַסירט און וועט איהם אויך קיינמאָל ניט פאַסירען. שוואַך־קעפ מעגען פלאַפלען וויפיעל זיי ווילען, האָט ער זיך געטראַכט, אָבער וואָס פאַר אַ גייסטיגעס פערגניגען קען גאָר פערגליכען ווערען מיט דעם געניוס פון די חושים? האָט איהם זאָגאַר די ערפילונג פון זיין אַמאָליגען רמב"ם'שען

אידעאַל — דאָס דערגרייכען פֿון דער פֿאָלקאָמענהייט — צי האָט איהם דאָס אפילו געקענט פֿערשאַפֿען אַזאַ תענוג ? פֿערנומען מיט די דאָזיגע געדאַנקען, איז דער פֿילאָזאָף אַריינגעפֿאַלען אין אַ זיסען שלאָף.

שפעט, זעהר שפעט האָט ער זיך אויף מאָרגען אויפֿגעהויבען פֿון זיין וויכען געלעגער. דאַן איז ער אַוועק צו זיין וואָהלטהעטער, צום אויבער־ראַבינער, וועלכער האָט איהם געהייסען קומען.

„נו, ווי געפֿעלט אייך אייער קוואַרטיר ?" האָט געפֿרעגט דער גוט־האַרציגער רב.

מימון האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין. „כ'בין געשלאָפֿען אין אַ־בעט !" האָט ער געשלוכצט. „אין אַ בעט בין איך געשלאָפֿען !"

אין צוויי טעג אַרום איז מימון מיט אַ פֿרעהליכען פנים און מיט אַ פֿרומער מיענע אַריינגעקומען אין אָרמען־הויז. ער איז געווען פֿאָלשטענדיג פֿערוואַנדעלט: אָנגעטהון אין רבנ'ישע קליידער מיט ווייסע, ריינע אונטער־וועש, וואָס איז געקויפֿט געוואָרען פֿאַר דער רביצין'ס הויז־געלד. דאָרט אין'ם אָרמען־הויז האָבען איהם מיט אונגעדולד ערוואַרט דער שניידער און זיין פֿרוי און אויך זיין געוועזענער קאָמפּאַניאָן, וועלכע האָבען אַלע שוין געוואוסט פֿון זיין גליק. אַ קוק טהוענדיג אויף איהם, זיינען זיי אַ ווײלע געבליבען שטעהן ווי צומישטע. דאַן האָט די אָרעמע מוטער גענומען איהר קליין קינד אין די אָרעמס, און מיט טרעהרען אין די אויגען האָט זי גע־בעטען דעם רב'ס ברכה ; דער בעטלער ווידער האָט געבעטען, ער זאָל איהם מוחל זיין פֿאַר זיין גראָבער בעהאַנדלונג, און אין איין וועגס האָט ער ניט פֿערגעסען צו בעטען אַ נדבה.

מימון האָט געגעבען דעם קינד זיין ברכה און דעם שנאָרער אַלעס, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אין טאַש. דאַן איז ער אַוועק פֿון דאָרט טיעף גערירט.

דערווייל האָט זיך זיין נאָמען פֿערשפרייט איבער דער גאַנצער שטאָדט. אַלע לומדים זיינען געקומען זיך זעהן מיט איהם און זיך מתוכח זיין מיט דעם בעריהמטען רייזענדען רב וועגען אמונה־זאַכען. ער האָט געקריגען אַ שטעלע אַלס הויז־לעהרער ביי אַ רייכער פֿאַמיליע ; זיין לומדות האָט מען געהאַלטען פֿאַר איבער־מענשליך און איהם אַליין כמעט פֿאַר געטליך. איינ־מאָל האָט מען איהם געוויזען אַ שווינדזיכטיג קינד ; ער האָט עס בעטראַכט און געזאָגט, אַז ער צווייפֿעלט, צי עס וועט געזונד ווערן. דאָס קינד איז געשטאָרבען, און מימון איז פֿערעהרט געוואָרען אַלס נביא. ס'האָט ניט געהאָלפֿען זיין טענה'ן, זיינע ערקלעהרונגען, — אַ נייער נביא איז אויפֿגע־שטאַנען צווישען דעם פֿאָלק ישראל.

און אַזוי זיינען אַריבער צוויי גליקליכע יאָהר—אין גליק און אין כבוד, ווען מען זאָל דעם פילאָזאָף ניט ווערלען מאַכען קיין פאָרוואורף, וואָס ער האָט פאַר דער צייט גאָר פערגעסען אָן זיין פאַמיליע. אָבער ביסלאַכווייז איז איהם דאָס דאָזיגע לעבען נמאס געוואָרען, און זיין רוהלאָזער גייסט און קערפער האָבען אָנגעהויבען מיעד ווערן פון דער אַבערגלויבישער סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט.

מיט אַמאָל איז בעקאַנט געוואָרען אין שטאָדט, אַז ער איז אַן אפיקורס. מען האָט זיך גענומען אַרומקוקען, אַז ער קומט זעלטען אין שוהל דאַווענען. מען האָט אָנגעהויבען מורמלען אין דער שטיל וועגען די דרייסטע, אפיקורס'ישע רייד זיינע; די פערפאָלגונג האָט גענומען צונויפזוכען איהרע וואַפען געגען איהם.

מימון'ס זאָרגלאָזיגקייט איז אויך אויסגעלייגט געוואָרען געגען איהם. ביי דעם אַריינגאַנג פון דעם פאָזענער ראַטה-הויז, צוגעשלאָגען צו דער וואַנד, איז פון אַלטע, אַלטע צייטען געווען אַ האָרן פון אַ הירש. צווישען די דאָרטיגע אידען איז, אויך פון שנים קדמוניות, געווען אָנגענומען דער גלויבען, אַז דער, וואָס ריהרט אָן דעם דאָזיגען האָרן, מוז תיכף אויף'ן שטעל שטאַרבען. אַ גאַנצע מאַסע פון פערשיעדענע מעשיות פלעגט מען וועגען דעם דערצעהלען מימון'ן, וועלכער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און חוזק געמאַכט דערפון. איינמאָל, ווען ער איז פערביינגעגאַנגען פערביי דעם הירש-האָרן, האָט ער זיך אָבגערופען צו זיינע בעגלייטער: איהר פאָ-זענער שוטים, וואָס זשע, איהר גלויבט טאַקע באמת, אַז דער, וואָס ריהרט אָן דעם האָרן, מוז גלייך אויף'ן שטעל שטאַרבען? אָט זעהט, איך ריהר איהם אָן."

מיט אויפגעריסענע אויגען, פול מיט שרעק, האָבען זיי געקוקט אויף זיין לעסטערענדער האַנד. זיי האָבען ערוואַרט צו הערען דעם טעמפען פאַל פון זיין קערפער. אָבער מימון איז זיך מיט אַ שמייכעל אַוועק ווייטער.

וואָס האָט ער זיי דערמיט בעוויזען? בלויז אַז ער איז אַ פערהאַסטער אפיקורס, אַ מחלל הקודש, אַ שענדער פון הייליגטהימער.

דער פערלעצטער פאַנאַטיזם, וועלכער האָט איהם אַצונד פערפאָלגט מיט זיין האַס, האָט איהם אַרויסגעפאָדערט צו בעגעהן נייע צו-להכעים'דיגע מעשים. דער רעסט פון רעליגיעזען געפיהל, וואָס האָט נאָך, געגען זיין ווילען, אָבגעקלונגען ביי איהם אין דער נשמה, האָט איהם געררייצט. וואָלט פילייכט אַ העכערע אויפקלעהרונג איהם געקענט בעפרייען פון דעם דאָזיגען נאַכט-שד? ווידער אַמאָל האָט ערוואַכט זיין טרוים וועגען בערלין. ס'אי אמת, אַז אויך דאָרט הערשט דער פאַנאַטיזם, אָבער די אויפקלעהרונג געהט

זיך זיכער איהר גאַנג. מענדעלזאָהן׳ס נאָמען, זיין בעריהמטקייט און זיין איינפֿלוס האָבען וואָס ווייטער אַלץ מעהר געוואַקסען און זיינען איצט גע־שטאַנען אויף דעם העכסטען פונקט, וואָרים לעסינג האָט געהאַט אָנגע-שריבען זיין „נאַטהאַן דער ווייזע״ (נתן דער חכם). אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם שטורם, וואָס די פֿערעפֿענטליכונג פֿון דעם דאָזיגען ווערק האָט אַרויסגערופֿען, ניט קוקענדיג אויף דעם חרם, וואָס מען האָט אַרויפֿגעלייגט אויף דעם טהעאַטער שטיק און אויף זיין פֿערפֿאַסער אי אין קאַטוילישע אי אין פראָטעסטאַנטישע לענדער, האָבען פֿונדעסטוועגען די פֿאַנאַטישסטע קריסטליכע שונאים פֿון דעם דרייסטען פֿריידענקער ניט געקענט בעהויפטען, אַז דער כאַראַקטער איז אַן אונמעגליכער.

וואָרים דאָרט — אין דער סאַמע הויפטשטאָדט — האָט געלעבט דער חכם גופא, דער דוד פֿון דעם דראַמאַטורג׳ס יונתן, דער מיטגליעד פֿון׳ם קאַפֿע-הויז פֿון די געלערנטע, דער פֿריינד פֿון פרינץ שאַומבורג-ליפע, דעם קעניג׳ס אייגענער בעשיצטער איד, — דער מאַן, אויף וועמען דער פֿילאָזאָף לאַוואַטער האָט געזאָגט, אַז דער אונפּאַרטייאישער פֿרענאָלאָג וואָלט פֿון יעדען געזיכט-צוג זיינעם געקענט אַרויסלעזען סאָקראַטעס׳עס נשמה.

און ער, מימון, וועלכער איז ניט וויניגער געווען בענאַבט מיט זשעניע, וואָס האָט ער געטהאָן? אַזוי לאַנג איז ער געשלאָפֿען אויף אָט די וויכע בעטען פֿון אַבערגלויבען און באַרבאַריזם, טויב צו יענעם פֿריהערדיגען רוף פֿון וואַהרהייט, צו יענעם יוגענד-טרוים, צו דער ביינקעניש נאָך ערקענטניס? יאָ, ער וועט פֿאָהרען צוריק קיין בערלין, ער וועט אַוועקטרייבען פֿון זיך די געדיכטע נעבלען פֿון דער געהעטאָ, ער וועט זיין דער פיאָניר פֿון זיין פֿאָלק׳ס אויפֿקלעהרונג. זיינע בעלי בתים זיינען אַלע געבליבען הייסע בע־וואונדערער פֿון זיין גייסט. אָבער ניט קוקענדיג אויף זייערע פראָטעסטען האָט ער זיך מיט זיי אָבגעזעגענט, זיך געשאַפֿט אַ פלאַץ אין דער פֿראַנק-פֿורטער פאָסט, און מיט דעם ביסעל געלד, וואָס ער האָט זיך אָבגעשפּאָרט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין בערלין. דאָס מאָל האָבען דעם גליקליכען פּאַסאַזשיר ניט אָבגעוואַרט קיין אָרמען-קאָמיטעטען, און בעת דער פאָסט־וואָגען איז פֿערבייגעפֿאָהרען דעם ראָזענטהאַלער טויער, מיט דעם פֿרעה־ליכען קלאַנג פֿון דעם טרומייט, האָט עס מימון׳ן אויסגעוויזען ווי אַ קלאַנג פֿון טריאומף איבער בערלין, ווי אַן אַרויספֿאָדערונגס-געשריי צו אַבערגלויבען און אונוויסענהייט.

# III.

אָבער אַבערגלויבען און אונוויסענהייט זיינען נאָך געזעסען אויף׳ן פערד. אַמת טאַקע, אַז די, וועלכע זיינען אָנגעקומען מיט׳ן פּאָסט־וואָגען, האָבען געקענט אַריינפאָהרען אונגעשטערט אין שטאָדט אַריין און זיך נעהמען אַ קוואַרטיר וואו זיי האָבען געוואָלט; אָבער די אידישע פּאָליציי־בעאַמטע פלעגען אָט די לייט דאָך ניט אַרויסלאָזען פון אויג, און שוין אויף מאָרגען נאָך זייער אָנקומען, פלעגען זיי אָנהויבען זיי נאָכשפּיאָנירען. דאָס איז געשעהן אי צו בעשיצען די אידישע געמיינדע געגען צוויי־דייטיגע אומגעבעטענע געסט, אי צוליעב דער פעראַנטוואָרטליכקייט צום שטאַאַט.

אין זיין בעשיידענער קוואַרטיר אויף׳ן נייעם מאַרק האָט מימון געמוזט צוקוקען, ווי ער ווערט פערפאָלגט אויף שריט און טריט פון דעם מורא׳־דיגסטען פון די דאָזיגע שפּיאָנען, וועלכער איז געווען שטאַרק אונרוהיג און גערייצט, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז ער האָט איהם שוין איינמאָל געזעהן. מימון האָט עס שפּעטער געשילדערט מיט די פאָלגענדע ווערטער: „ער האָט מיר נאָכגעשפּירט און געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ קאָמעט, וואָס רוקט זיך צום צווייטען מאָל נעהענטער צו צו דער ערד, איידער דאָס ערשטע מאָל, אַזוי אַז די געפאַהר ווערט גרעסער און דראָהענדער.״

פלוצלינג האָט דער דאָזיגער שאַרף־אויגיגער שפּיאָן דערזעהן אַ העברעאישען ספר פון׳ם רמב״ם מיט אַ פּירוש פון מענדעלזאָהן. „יאָ, יאָ!״ האָט ער געשריען, „אָט דער סאָרט ביכער איז וואָס פאַר מיר!״ און מיט סטראַשענדיגע בליקען האָט ער דורכגענומען דעם פילאָזאָף. „טראָגט זיך אָב פון בערלין, אַזוי גיך ווי איהר קענט נור, אויב איהר ווילט ניט אַרויסגעוואָרפען ווערן פון דאַנען מיט דעם גאַנצען פּאַראַד.״

ווידער אַמאָל איז מימון געווען אין אַ פערצווייפעלטער לאַגע. זיין ביסעל געלד איז אין גאַנצען אַוועק אויף דער רייזע, און פון דאָס ניי האָט איהם אַצונד געסטראַשעט די אַנדערע זייט פון דעם ראָזענטהאַלער טויער. האָבען איהם אַלע לײדען זיינע, הייסט עס, גאָרניט גענוצט און ער שטעהט כמעט ווידער אויף דעם זעלבען פונקט, פון וואַנען ער איז אַרויסגעגאַנגען.

נאָר נאַראָנים האָבען גליק. אין אַ לאַנדסמאַן, וועלכער האָט זיך בעזעצט אין בערלין, האָט ער געפונען אַ בעשיצער. דערנאָך האָבען איהם אויך אַנדערע בעוואונדערער פון טאַלאַנט און וויסען אָנגעבאָטען קעסט און

קוואַרטיר. דער וועג צו דער קולטור איז אַלזאָ געווען פֿריי און ריין פֿון הינדערניסען.

אַ צופֿאַל האָט איהם אָנגעוויזען דעם מאַרשרוט. פֿון אַ פּוטער־הענד־לער האָט מימון פֿאַר צוויי גראָשען אַרויסגעקריגען וואָלף'ס „מעטאַ־פיזיק". ער האָט געוואוסט, אַז וואָלף איז געווען דער ליעבלינגס־פֿילאָזאָף פֿון'ם טאָג. מענדעלזאָהן גופא איז דורך איהם אינספּירירט געוואָרען — מענדעלזאָהן, דער גרויסער גלויבענס־גענאָסע, מיט וועמען ער האָט איצט געהאָפֿט און געוואונשען צו ריידען פּנים אל פּנים.

מימון איז געווען ענטציקט פֿון זיין נייעם אוצר — פֿון די מאַטעמאַ־טישע ערקלעהרונגען אַזוי ווי פֿון די לאָגישע שליסע, וועלכע זיינען געקומען איינע נאָך די אַנדערע — ביז ער איז צוגעקומען צו די טהעאָלאָגישע אויספֿיהרונגען. „דער פּרינציפּ פֿון גענוגענדער פֿערנונפֿט" — יאָ, דאָס איז געווען אַ וואונדערפֿולע ענטדעקונג. אָבער כּדי צו בעווייזען גאָט? ניין, דערצו איז נאָך די פֿערנונפֿט נ י ט געווען גענוגענד. אויך האָט מימון אָט די נייע לעהרען ניט געקענט ברייגנען אין איינקלאַנג מיט זיין רמב"ם אָדער מיט זיין אַריסטאָטעל. גליקליכער געדאַנק! ער וועט אָנשרייבען זיינע צווייפֿ־לען אויף פּאַפּיר אין העברעאיש און צושיקען דעם מאַנוסקריפּט צו הערר מענדעלזאָהן. דערוואַרעמט דורך דער האָפֿנונג צו קענען מאַכען דעם גרויִ־סען מאַן'ס בעקאַנטשאַפֿט, האָט ער געשריבען מיט אַ גליהענדען חשק או־אַוועקגעשיקט דעם מאַנוסקריפּט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

וועט דער לייב פֿון בערלין וועלען שיינקען וואָס פֿאַר עס איז אויפֿ־מערקזאַמקייט אַן אונבעקאַנטען פּוילישען אידען? מימון האָט ניט גע־דאַרפֿט בלייבען לאַנג אין אונגעוויסהייט. מענדעלזאָהן האָט באַלד גענענט־פֿערט שריפֿטליך. ער האָט צוגעגעבען, אַז מימון'ס צווייפֿלען זיינען בע־רעכטיגט, אָבער ער האָט איהם געבעטען, זיך ניט צו לאָזען ענטמוטהיגען פֿון זיי, נאָר פֿאָרטזעצען זיין פֿאָרשונג מיט דעם זעלבען חשק וואָס ביז אַהער. אָה, דו ריכטער אין ישראל! באמת, נ ת ן ד ע ר ח כ ם!

אָנגעפֿייערט דורך דער דאָזיגער ערמוטהיגונג, האָט זיך מימון גענו־מען שרייבען אַ העברעאישע אָבהאַנדלונג, וואָס האָט געזאָלט צורייסען אָט די טהעאָלאָגישע שפּין־געוועבען און דורך אַן אונגאָכגיביגע וועזענ־לעהרע פֿונאַנדערטרייסלען די יסודות פֿון דער ענטפֿלעקטער אַזוי ווי פֿון דער נאַ־טירליכער טהעאָלאָגיע. ס'איז געווען אַ דרייסטע אונטערנעהמונג. וואָרים זינט מימון איז געקומען קיין בערלין און האָט געלייענט מעהר פֿון מענ־דעלזאָהן'ס ביכער, איז איהם קלאָהר געוואָרען, אַז דער דאָזיגער האַלט זיך

נאָך פֿאַר אַן אָנהייגגער פֿון דעם אָרטהאָדאָקסישען יודענטהום. דאָס איז פֿאַר מימון'ן אויסגעקומען אַ פּאַראַדאָקס, און ווען ער האָט עס צום ערשטען געהערט, האָט ער עס גאָר פשוט ערקלעהרט פֿאַר אונמעגליך. אַ מאַן, וואָס האָט געקענט צוקומען אין די הויכע פֿענסטער אינאיינעם מיט די דריים־טעסטע שטרייטער פֿון'ם קריסטענטהום, אַ מאַן, וועמעס דייטשע פּראָזאַ איז געווען קלאַסיש, וועלכער האָט געקענט פֿילאָזאָפֿירען אין סאָקראַטישען געשפרעך אויף אַ שטייגער ווי פּלאַטאָ — אַזאַ מאַן, אַ בעשעפֿעניש פֿון דער גהעטאָ! ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז ער האָט אויפֿגעפֿאַסט זיין יודענטהום אין אַ העכערן פּלאַטאָנישען זינן; וואָרים עס איז דאָך פשוט אונמעגליך געווען זיך פֿאָרצושטעלען, אַז ער זאָל ווירקליך זיין דער שקלאַף, דער לייב-אייגענער פֿון דער דאָזיגער פיינליכער רעליגיאָן: אַז ער דרעהט אַרום די תפילין אַרום דעם לינקען אָרם און שטעהט און שאָקעלט זיך מיט'ן טלית אַהין און אַהער. על כל פנים דאָ זיינען געווען אויסגעדריקט — אין אַ לאָגישען, קלאָהרען העברעאיש — מימון'ס שווערע געדאַנקען און זיינע ספקות. איז מענדעלזאָהן אויפֿריכטיג, טאָ זאָל ער אַקאָרשט פֿערענטפֿערן און ווידער־לייגען און זיך פֿערדיענען דעם דאַנק פֿון אַ אידישער זעעלע. איז ער ניט בכח צו ענטפֿערן דערויף, מוז ער אויפֿגעבען זיין אָרטהאָדאָקסיע אָדער בעטראַכט ווערן אַלס אַ בעטריגער און אַ צוויי-פּנים'דיגער מענש. Amicus Mendelssohn sed magis amica veritas. (מענדעלזאָהן איז מיר טייער, אָבער די וואַהר־הייט איז מיר נאָך טייערער).

באמת געדעדט איז אין דער האַלטונג פֿון דעם גרויסען דייטש געווען עטוואָס אויפֿרייצענדעס פֿאַר דעם פּוילישען אידען. ס'איז פֿאַר איהם געווען ווי אַ געהיימער פֿאָרוואורף געגען זיין אייגענער האַלטונג. בלויז אַן אויבער־פֿלעכליכער דיינקער, האָט ער געפֿיהלט, קען פֿערבינדען קולטור מיט גייס־טיגער צופֿרידענהייט, שוין גאָר ניט ריידענדיג פֿון וועלטליכען ערפֿאָלג. ער האָט איבערגעלייענט דעם פֿיעל-בעריהמטען „פֿעדאָן", וועלכען דאָס לו־טהערישע דייטשלאַנד האָט בעגריסט אַלס אַ געגען־ווינד געגען די בעריהמ־טע „בערלינער רעליגיאָן", צוריקגעבענדיג אַ פֿערצווייפֿעלטער וועלט דעם גלויבען. אָט די וועלט איז אויסגעלאַכט געוואָרען אין איהרע קריסט־ליכע האָפֿנונגען פֿון פֿראַנצויזישע וויצלינגע און מאַטעריאַליסטען אונטער דער פֿערגיפֿטענדער ווירקונג פֿון וואָלטער, וועמען דייטשלאַנד'ס איי־גענער קעניג פֿרידריך האָט געגעבען אַ הויכע שטעלע ביי זיך אין הויף. אָבער וואָס פֿאַר אַ מאָדנע השערה איז דאָס פֿאַר אַ אידישען דיינקער אָנ־צונעהמען, אַז אויב מיר זיינען ניט אונשטערבליך האָבען דאָך אונזערע מעשים אויף דער וועלט קיין שום בעדייטונג ניט. פֿיהרט ער, מימון, דען

ניט אַן עטהיש היכשטעהענדעס לעבען, זוכענדיג די וואַהרהייט, ניט קו־קענדיג דערויף וואָס ער האָט ניט קיין האָפֿנונג אויף אונשטערבליכקייט? „איז אונזער זעעלע שטערבליך, דאַן איז די פֿערנונפֿט אַ טרוים, וואָס יו־פּיטער האָט אונז אַראָבגעשיקט, כדי מיר זאָלען זיך פֿערגעסען אָן אונזערע צרות, אָן אונזער עלענד; דאַן זיינען מיר אַזוי ווי די בהמות, צו זוכען פּאַשע און שטאַרבען.” אונזינן! שעהן־ריידעריי! געוויס, זיינע בריעף צו לאַוואַטער זיינען געווען ווירקזאַם געגוג, ס'איז געלונגען מוטה אין זיין עפֿענט־ליכער ענטזאַגונג פֿון'ם קריסטענטהום, אַדעל אין זיין געפֿיהל, אַז עס איז גלייכער צו פֿערשעהמען דעם אַנטיסימיט־שען פֿאָראורטהייל דורך דעם כאַראַקטער איידער דורך שטרייט. ער, מימון, וואָלט עס בלויז געשטעלט דורךביידע זאַכען. אָבער דאָס דאָזיגע „ירושלים” מענדעלזאָהן'ם! קען אָט די טהעזע ווירקליך אונטערשטיצט ווערן? דאָס יודענטהום זאָל ניט לייגען קיין געוויכט אויף'ן גלויבען, נאָר אויף דער פֿיהרונג, אויף דעם פֿערהאַלטען זיך? איז ווירקליך ניטאָ קיין פֿערנונפֿט־צומישענדע, קיין גייסט־טויטענדע דאָגמאַ, נאָר בלויז אַן אַנטפלעקטע געזעצגעבונג? אַ איד, וואָס גיט אָב זיין לעבען דעם געזעץ און זיין הארץ דייטשלאַנד! אָדער אויך פֿ־אַנקרייך, האָלאַנד אָדער בראַזיליען, ווי עס מאַכט זיך גראָד? פּאַלעסטינאַ מוז פֿערגעסען ווערן. ס'פֿערשטעהט זיך, דאָס איז דרייסט און קלוג גענוג, אָבער צי איז עס דען מעהר ווי אַ הויז, וואָס ליגט אויף'ן מיטען וועג פֿון דער אַסימי־לאַציע, פֿון דער פֿערשמעלצונג מיט די אַנדערע פֿעלקער? על כל פנים דאָ וועט ער האָבען צו טהאָן מיט אַ פּוילישען ברודער'ס וואָפֿען — טויט־ליכער ווי די וואָפֿען לאַוואַטער אָדער פֿון די נאַרישע קריסטען.

ווידער אַמאָל, מיט נאָך אַ גרעסערער אַנגסט, האָט ער געוואַרט אויף מענדעלזאָהן'ם תשובה.

זי איז געקומען — אַן איינלאַדונג אויף'ן קומענדען שבת נאָכמיטאָג. אַהאַ! די אויסערליכע פֿעסטונגען זיינען איינגענומען געוואָרען. דער גרוי־סער מאַן האָט אַנערקענט אין איהם אַ ווירדיגען פֿיינד, אַ ברודער אין דער נשמה. דאַנקבאַרקייט און זעלבסטצופֿרידענער שטאָלץ האָבען דעם בעזוך געגעבען אַ זיסען פֿאָרגעשמאַק. אַה, וואָס פֿאַר אַ קאַמפּף פֿון וויץ דאָס וועט זיין! ווי וועט ער דאָס אַביסעל אַרויסווייזען זיין גאַנצע רעדע־קונסט! וועגן לפידות וואָלט געקענט זיין דערביי, איהם צו הערען!

אַז דער משרת האָט געעפֿענט די טהיר, האָט מימון דערזעהן פֿאַר זיך אַ רייה פֿון שעהנע צימערן און אַ גרויסאַרטיגע געזעלשאַפֿט: הערען אין געפּודערטע פּאַריקען, דאַמען אין עלעגאַנטע קליידער; מימון האָט אָבגעטראָטען צוריק מיט אַ וועהטאָג אין האַרצען. אַן אונטער־שטימונג, אַז

ער געהט אין שמוציגע שטיוועל און אין אַן אומגעלומפּערטען אויבער־ראָק, האָט זיך שמערצליך אויסגעמישט מיט דעם דראָזיגען איינדרוק פֿון שעהנע, פּאַרפֿומירטע דאַמען און מיט'ן ליאַרם פֿון די צונגען און די קאַפֿע־טאַסען. ווי איינגעוואָרצעלט איז ער געבליבען שטעהן אויף דער שוועל, און מיט אַמאָל איז איהם קלאָהר געוואָרען, אַז די גרויסע וועלט הויבט זיך ניט אָן קימערן וועגען מעטאַפֿיזיק. בעקוועמע, שעהנע מעבעל, אַ שטעלונג אין דער וועלט— דאָס זיינען די זאַכען, וואָס האָבען אַ ווערטה. פֿאַרוואָס האָט איהם זיין גאַנ־צער טאַלאַנט גאָרנישט געבראַכט פֿון אָט די גיטער? אָהן ווייב און קינד, אָהן געלד שטעהט ער דאָ, אַן איינזאַמע זעעלע, וואָס ראַנגעלט זיך מיט גרויסע פּראָבלעמען. ווי אַזוי האָט זיך דאָס מענדעלזאָהן'ן איינגעגעבען צו קריגען אַלצדינג? ער האָט אודאי געהאַט אַ בעסערן אויסגאַנגס־פּונקט, אַ רייכען פֿאָטער, אַן אוניווערזיטעטס־בילדונג. זיין צאָרן געגען דעם גליקליכען פֿילאָ־זאָף האָט זיך פֿון דאָס ניי פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט. ער האָט אַ טראָט גע־טהאָן צוריק און צוגעמאַכט די טהיר. נאָר זי איז גלייך צוריק אויפֿגעעפֿענט געוואָרען פֿון אינעווייניג. אַ קליינער הויקערדיגער מאַן מיט פֿונקלענדע אויגען איז איהם אַנטקעגען געלאָפֿען.

„הערר מימון?" האָט ער זיך געווענדעט צו איהם מיט אַ פֿראַגע און האָט איהם אויסגעשטרעקט די האַנד מיט אַ שמייכעל פֿון פֿריינדליכען ווילקאָמען.

צומישט פֿון דער פֿריינדליכער אויפֿנאַהמע האָט מימון, ניט אויסריי־דענדיג קיין וואָרט, אַריינגעלייגט זיין האַנד אין אָט דער רעכטער האַנד, וועלכע איז איהם אַזוי הערצליך אָנגעבאָטען געוואָרען. אָט אַזוי זעהט אַלזאָ אויס דער מאַן, וועמען ער האָט מקנא געווען! קיינער האָט איהם ניט דערצעהלט דערפֿון, אַז „נתן דער חכם" איז אַזוי געשלאָגען. בלויז אַלס זעעלע האָט ער אַפּעלירט צו דער איינבילדונג פֿון דער וועלט; און זאָגאַר דער נידעריגסטער פּלוידערזאַק האָט ניט דערמאָהנט זיין קערפּער. אָבער ווי מוז איהם אָט די העסליכקייט פֿערביטערן זיין ערפֿאָלג!

מענדעלזאָהן האָט איהם שמייכלענדיג אַריינגעצויגען אינעווייניג אין שטוב, האָט איהם שטאַרק געלויבט פֿאַר זיינע שריפֿטען; ער האָט זיי גוט געקענט, יענע האַלב־שעמעדיגע, האַלב־קאַמפּפֿס־לוסטיגע פּוילישע יונגע לייט, וועמעס מח עס ווערט שיער ניט צושפּרונגען פֿון אפיקורס'ישע אידעען און קראַנקהאַפֿטע פֿאַנטאַזיעס. זיי האָבען איהם פֿער'נמאס'ט ביי זיינע אָרטהאָדאָקסישע ברידער אין די אויגען, אָט די „ירושלים־ווערט־ערם". אָבער ווער איז נאָך מ'עהר צוגעפּאַסט צו ווירקען אויף זיי, ווי גראָד איינער, וואָס פֿערשטעהט זיי, וואָס קען מיט זיי אָנגעהן פּאָרזיכטיג? דאָס, וואָס איז פֿאַר מימון'ן געווען אַ זעלטענע עפּיזאָדע, איינציג אין

איהר אַרט, איז פֿאַר זיין גאַסט־געבער געווען אַן אַלטעגליכע ערפֿאַהרונג.

מענדעלזאָהן האָט צוגעפֿיהרט מימון'ן צו אַ פֿענסטער־ווינקעל, האָט איהם געבראַכט ערפֿרישונגען, וועלכע דער יוננער מאַן האָט גאָר אָהן צערעמאָניעס, אויף אַן אומגעלומפערטען אופן פֿערשלונגען; ער האָט פֿערנאַכלעסיגט זיינע גרויסע געסט, וועלכע האָבען פֿונדעסטוועגען פֿער־שטאַנען ווי אַזוי צו פֿערברייננגען אָהן דעם בעל הבית, ווי עס האָט גע־ציינט זייער אונאויפֿהערליכער פֿרעהליכער שמועס אויף פֿראַנצויזיש. דאָס אַלעס האָט מענדעלזאָהן געטהאָן, כדי אַריינצוקוקען אין דער נשמה פֿון דעם דאָזיגען בעגאַבטען יונגען מאַן. ער האָט בעטראַכט יעדען נייעם מענשען פֿאַר אַ קאָמפּליצירט שטיק רעדער־ווערק, וואָס דער קלוגער מאַן דאַרף זוכען צו פֿערשטעהן און ניט פֿערשטויסען פֿון זיך. אָבער נאָכדעם ווי מען האָט אויסגעפֿאָרשט און דערגרונטעוועט דעם סוד פֿון'ם מעכאַניזם, איז עס די פֿליכט, איהם צו פֿערבעסערן נאָך זיין אייגענער ריכט־שנור.

„אייער אָבהאַנדלונג ווייזט אַרויס אויסערגעוועהנליכע שאַרפֿזיניגקייט, הערר מימון," האָט ער געזאָגט. „פֿערשטעהט זיך, אַז איהר ליידט נאָך פֿון דער תלמוד'ישער מעטהאָדע אָדער, בעסער געזאָגט, פֿון דעם מאַנגעל אין אַ מעטהאָדע. אָבער איהר האָט אַ ווירקליכען קוק אין מעטאַפֿיזישע פּראָב־לעמען. און איהר האָט בלויז געלייענט וואָלף! אָט אַפּנים איהר זייט ניט קיין „חמור נושא ספרים" (אַן עזעל, אָנגעלאָדען מיט ספרים)." ער האָט בענוצט דאָס העברעאישע ווערטעל, כדי דער פּוילישער יונגער מאַן זאָל זיך פֿיהלען היימליך, און אַ לייכטער שמייכעל האָט זיך אַריבערגעצויגען איבער זיינע געפֿיהלפֿולע ליפּען. אפילו זיין דייטש האָט אויך אין די ווערטער און אין דער בעטאָנונג אָנגענומען אַ שטיקעל פּנים פֿון זשאַרגאָן, הגם ס'איז געווען איינס פֿון די אידעאַלען פֿון זיין לעבען אָט דעם זשאַרגאָן צו דערשטיקען.

„ניין, הערר מענדעלזאָהן," האָט מימון געענטפֿערט מיט עניוות. „איהר דאַרפֿט ניט פֿערגעסען דעם „מורה נבוכים". ער איז געווען די אינספּיראַציע פֿון מיין יוגענד!"

„איז ער דאָס געווען?" האָט זיך מענדעלזאָהן אָבגערופֿען ענטציקט. „ער איז אויך געווען די אינספּיראַציע פֿון מיין יוגענד. מיט רעכט דערצעהל איך שטענדיג די בערלינער, אַז דער רמב"ם איז שולדיג אין מיין הויקער, און אַ טהייל פֿון זיי גלויבען ווירקליך, אַז איך האָב איהם געקריגען דורך דעם, וואָס איך בין צופֿיעל געזעסען איבער'ן רמב"ם."

אָט די ליעבענסווירדיגע אַרט, ווי אַזוי ער האָט גערעדט וועגען זיין אייגענעם מום, האָט דעם פֿיהלענדען מימון גערירט און איהם געמאַכט נאָך היימליכער, איידער די קאָמפּלימענטען איבער זיינע שריפֿטען און די

היימישע שפּראַך. „ביי אונז אין פּוילען,‟ האָט ער געזאָגט, „האַלט מען, אַז אַ גאַנצער, פֿאָלקאָמענער גוף איז אַ שטעמפּעל פֿאַר דעם נאַר פֿון דער פֿאַמיליע. זיי גלויבען, אַז די פֿיינסטע, איידעלסטע נשמות קלייבען בעסער אויס צו וואוינען אין אונפֿאָלקאָמענע וואוינונגען.‟

מענדעלזאָהן האָט זיך פֿערנייגט מיט אַ שמייכעל. „אַ זעהר געלונגע-נער קאָמפּלימענט! אין דעם פּרט וועט איהר באַלד גלאַנצען אין אונזער בערלינער געזעלשאַפֿט.—ווי לאַנג איז שוין, אַז איהר האָט פֿערלאָזען פּוילען?‟

„אַך! מעהר ווי איין מאָל האָב איך פֿערלאָזען פּוילען. איך וואָלט שוין פֿריהער געקענט האָבען דאָס גליק און די עהרע צו מאַכען אייער בעקאַנטשאַפֿט, ווען מען וואָלט מיך פֿאַר דריי יאָהרען ניט פֿערהאַלטען ביים ראָזענטהאַלער טויער.‟

„ביים ראָזענטהאַלער טויער! ווען איך וואָלט דאָס געוואוסט!‟

טרעהרען האָבען זיך מימון'ן געשטעלט אין די אויגען — טרעהרען פֿון דאַנקבאַרקייט, פֿון מיטלייד מיט זיך אַליין און פֿון בעדויערן איבער די פֿערלאָרענע יאָהרען. אַצונד איז ער געשטאַנען אויף אַ פֿעסטען באָדען, דאָס האָט ער געפֿיהלט, און זיין פֿוס איז געווען אויף'ן רעכטען וועג. ענדליך האָט ער געפֿונען אַ מעכטיגען בעשיצער. „שטעלט זיך פֿאָר מיין ענט-טוישונג,‟ האָט ער מיט אַ ציטערענדער שטימע געזאָגט, „נאָך דעם גאַנצען וועג, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט פֿון פּוילען אַהער.‟

„יאָ, כ'קען זיך עס פֿאָרשטעלען. מיך האָט מען דאָך אויך פֿערהאַל-טען ביים ראָזענטהאַלער טויער,‟ האָט זיך מענדעלזאָהן אָבגערופֿען מיט אַ פֿערטראַכטער מיענע.

„אייך?‟

„יאָ, אַלס יונגער מאַן.‟

„וואָס זשע, איהר זייט ניט קיין בערלינער אַ געבוירענער?‟

„ניין, אין דעסאַו בין איך געבוירען געוואָרען. ניט אַזאַ וויטער וועג ווי פֿון פּוילען. אָבער דאָך אַ היבשע שטרעקע. ס'האָט מיר גענומען פֿינף טעג — איך בין ניט אַ הערקולעס ווי איהר — און וואָלט איך ניט געווען גליקליך גענוג אַרויסצושטאַמלען, אַז איך וויל ווערען אַ תלמיד פֿון דר. פֿריינקעל, דעם נייעם אויבער-ראַבינער פֿון דער שטאָדט, וואָלט מיר דער בייזער צערבערוס*) צוגעהאַקט דעם טויער פֿאַר דער נאָז. מיין גליק

---

*) צערבערוס איז אין דער גריכישער מיטהאָלאָגיע דער נאָמען פֿון אַ טייוועל אין געשטאַלט פֿון אַ דריי-קעפּיגען הונד, וועלכער איז געשטעלט צו היטען דעם גיהנום. איצט בענוצט מען זיך מיט דעם וואָרט צו בעצייכנען אַ ברוטאַלען, בייזען שומר.

(דער איבערז.)

איז געווען, וואָס פֿריינקעל איז געקומען פֿון דעסאַו און איז געווען מיין רבי. איך געדיינק נאָך, ווי אַזוי איך בין געשטאַנען מיט איהם אויף אַ בערגעל און האָב געוויינט, בעת ער האָט גערעדט אָבפֿאָהרען קיין בערלין, ווי אַזוי ער האָט מיך אַרומגענומען אין זיינע אָרעמס און געזאָגט, אַז איך וועל נאָך אויך אַמאָל קומען קיין בערלין. דערפֿאַר ווען איך בין געקומען, האָט ער זיך ניט געקענט העלפֿען און געמוזט טהון, וואָס ער האָט געקענט פֿאַר מיר.״

„וואָס זשע, פֿון אייערע עלטערן האָט איהר גאָרנישט געהאַט?״

„בלויז אַ שעהנע האַנדשריפֿט פֿון מיין פֿאָטער, וועלכע איך האָב זיך ערוואָרבען דורך דעם, וואָס איך פֿלעג פֿאַר אַ פּאָר גראָשען איבערשרייבען מאַנכע זאַכען, און וועלכע איז נאָך אַצונד די פֿרייד פֿון די דרוקער. ער איז געווען אַ סופר, דער פֿאָטער מיינער, און ער פֿלעגט שרייבען ספר תורה׳ס. נאָר ער האָט געוואָלט איך זאָל ווערען אַ הויזירער.״

„אַ הויזירער!״ האָט מימון מיט ערשטוינונג אויסגערופֿען.

„יאָ, פֿערשטעהט איהר מיך, דאָס געלד קומט דערביי אַריין גלייך, אין מזומן. איך האָב כמעט געהאַט אַ קאַמפף איהם צו איבערצייגען, אַז איך טויג בעסער פֿאַר אַ רב. כ׳האָב מורא, אַז איך בין געווען אַ צו היי־ציגער און אונגעדולדיגער בחור. ער האָט אַלזאָ ניט געגלויבט אין מיין צוקונפֿט אַלס ראַבינער. און אפנים אַז ער איז פֿאָרט געווען גערעכט — יואָרים אַ מיטגליעד פֿון אַ געלערענטער אידישער אָדער קריסטליכער גילדע בין איך קיינמאָל ניט געווען.״

„איהר האָט אַלזאָ געהאַט אַ שווערע צייט, ווען איהר זייט דעמאָלט אָנגעקומען קיין בערלין?״ האָט מימון מיט מיטגעפֿיהל געזאָגט.

מענדעלזאָהן׳ס אויגען האָבען זיך פֿאַר אַ מאָמענט אַזוי ווי אַריינגע־קעהרט אינעוויניג, דאַן האָט ער מיט אַ מילדען טאָן ציטירט פֿון פרק: „פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן וחיי צער תחיה ובתורה אתה עמל״ (ברויט מיט זאַלץ זאָלסט דו עסען, וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסט דו טרינקען, אויף דער הוילער ערד זאָלסט דו שלאָפֿען, און אַ לעַ־בען פֿון צער זאָלסט דו לעבען, און אויף דער תורה זאָלסט דו האָרעווען!).

די דאָזיגע ווערטער האָבען מימון׳ן דורך און דורכגענומען. די שעהנע מעבעל און די פֿיינע געזעלשאַפֿט האָבען פֿערלאָרען זייער גלאַנץ ביי איהם אין די אויגען, זיינען געוואָרען מאַט און בלאַס, און ער האָט נור געזעהן די זעעלע פֿון אַ מיט־אידעאַליסט, פֿאַר וועמען אָט די אַלע זאַכען זיינען בלויז געווען אַן אונבעדייטענדער הינטערגרונד.

„אַך יאָ,״ האָט מענדעלזאָהן ווייטער געזאָגט. „איהר דיינקט אודאי,

אַז איך זעה ניט אוים ווי אימיצער, וואָס פֿלעגט אַמאָל צושניידען זיין לע־בעל ברויט אויף גלייכע חלקים, כדי ניט צו עסען צופֿיעל אין איין טאָג. נו, טאָ זאָל אייך דער געדאַנק טרייסטען, אַז אויך פֿאַר אייך איז אָנגע־גרייט אַ בעקוועמע היים אין בערלין."

דער אָרעמער מימון האָט בגנבה געוואָרפֿען אַ בליק אויף דער מונ־טערער, בלוי־אויגיגער בעל הבית'טע, וועלכע איז מיט אַזוי פֿיעל גראַציע אַרומגעגאַנגען אַרום איהרע געסט, אונטערשטיצט פֿון צוויי שעהנע יונגע דאַמען אין פֿאַריזער טואַלעטען — אויגענשיינליך איהרע טעכטער. ער האָט אַ זיפֿץ געטהאָן, זיך דערמאָנענדיג אָן זיין דאָרפֿישער פֿרוי און די אונער־צויגענע קינדער, וועלכע וואַקסען אויף אין טיעפֿסטען אַבערגלויבען; נו, געוויס מוז ער געבען שרה'ן אַ גט.

„איך קען זיך ניט איינבילדען אַזעלכע חלומות אין מיט'ן העלען טאָג," האָט ער מיט אַ האָפֿנונגסלאָזען טאָן געזאָגט.

„אָבוואַרטען! אָבוואַרטען! אַזוי לאַנג ביז וואַנען איהר וועט מעהר ניט פֿערשוענדען אייער צייט אין טרוימען. דאָס איז די געפֿאַהר ביי אייך, בעגאַבטע פוילישע יונגע לייט — איהר זייט אַזעלכע טרוימער. אַלעס אין לעבען היינגט אָב פֿון בעשטענדיגקייט און געדולד. ווען מיר, פֿראָמעט — מיין פֿרוי — און איך, האָבען צוערשט אויפֿגענומען געסט ביי אונז אין שטוב, פֿלעגען מיר מוזען אָבצעהלען די מאַנדלען און די ראָזינקעס, וואָס מיר פֿלעגען דערלאַנגען פֿאַר אַ נאָכשפייז. מיר האָבען אָנגעפֿאַנגען מיט אַ קליין הייזעל און אַ גאָרטען אין דער אומגעגענד, און די הויפט מעבעל אונזערע", האָט ער געזאָגט, לאַבענדיג ביי דער עראינערונג, „איז בעשטאַ־נען פֿון צוואַנציג פּאָרצעלייענע אַפֿען, ווי לעבעדיגע די גרויס."

„צוואַנציג פּאָרצעלייענע אַפֿען!"

„יאָ, אַזוי ווי יעדער אידישער חתן האָב איך געמוזט קויפֿען אַ בע־שטימטע צאָהל פּאָרצעלייענע זאַכען, כדי צו אונטערשטיצען די אָרטיגע פֿאַבריקאַציע; און אויף מיין גורל זיינען אויסגעפֿאַלען די אַפֿען. אַה, מיין פֿריינד, וואָס דאַרפֿען די אידען פֿון דייטשלאַנד ניט אונטערשטיצען! די שטייערן ליגען נאָך אויף אונז, אָבער די רשעות" — און ווידער האָט ער אַ פֿריינדליכען שמייכעל געטהאָן, זיך בענוצענדיג מיט דעם דאָזיגען העברעאיש־זשאַרגאָנישען וואָרט — „ווערט קלענער פֿון טאָג צו טאָג. יאָ, אַ איד האָט ניט געקענט דורכגעהן די גאַסען פֿון בערלין, מען זאָל איהם ניט אויסלאַכען און בעליידיגען, און מיינע קליינע חברה פֿלעגען אָפֿט פֿרעגען: „פֿאָטער, איז עס דען שענדליך צו זיין אַ איד?" איך דאַנק דעם

אַלמעכטיגען, וואָס איך האָב דערלעבט ביים סוף פֿון מיינע טעג צו זעהן די אידישע פֿראַגע אויף אַ העכערען שטאַנדפּונקט."

„דאָס דאַרף מען אייך ליעבערשט דאַנקען דערפֿאַר," האָט מימון אויסגערופֿען מיט אַ סקעפּטישען ענטהוזיאַזם.

„מיר?" האָט מענדעלזאָהן געזאָגט מיט דער אויפֿריכטיגער בעשיי-דענהייט פֿון אַ מאַן, וואָס יעדע עפֿענטליכע ערקלערונג זיינע ווערט אַרויסגעקריגען פֿון איהם נור דורך דעם צוואַנג פֿון אַנדערע, און וועלכער איז שעהמעדיג און צוריקגעהאַלטען ווי אַ קינד און ווייסט אַליין ניט פֿון זיין אייגענעם איינפֿלוס. „ניין, ניין, ניט מיר, נאָר מאָנטעסקיע, דאָהם און מיין טהייערען לעסינג. אָרעמער מענש, די קריסטליכע פֿרומאַקעס פֿערפֿאָלגען איהם איצט ווי אַ פּלאָג פֿון שטעכעדיגע פֿליגען. איך וואָלט כמעט צופֿרידענער געווען, ווען ער וואָלט ניט געשריבען זיין „נתן דער חכם". נאָר עס טהוט מיר אמת הנאה, וואָס איך האָב איהם ניט בעוואויגען דערצו, נאָר אַז ער האָט אָנגעשריבען אַ אידען-פֿריינדליכעס שטיק נאָך איידער מיר האָבען זיך בעקענט."

„ווי אַזוי האָט איהר זיך בעקענט מיט איהם?"

„כ'קען זיך קוים עראינערן ווי אַזוי. ער איז שטענדיג געווען אַ פֿריינד פֿון די אויסגעשטויסענע — אַן אמת'ע קינסטלער-נאַטור, וואָס האָט זיך ליעבערשט גע'חבר'ט מיט שוישפּיעלער און סאָלדאַטען, איידער מיט די בער-לינער ביער-זויפֿענדע קרעמער. אָה יאָ, כ'מיין, מיר האָבען זיך בעקענט ביי אַ פּאַרטיע שאַך. דאַן האָבען מיר צוזאַמען געשריבען אַן אָבהאַנדלונג אי-בער פּאָופּ. טהייערער גאָטהאָלד! וואָס האָב איך איהם ניט צו פֿער-דאַנקען? מיין פּאָזיציאָן אין בערלין, מיין פֿערשטענדניס פֿאַר ליטעראַ-טור — וואָרום מיר אידען האָבען אין גאַנצען דערשטיקט אונזער ליעבע צום שעהנעם און זיינען אָבגעשטאָרבען פֿאַר פּאָעזיע."

„יאָ, אָבער וואָס איז דען אַ פּאָעט, אויב ניט אַ ליגנער?"

„אַך, מיין ליעבער העררר מימון, איהר וועט ענדערן אייער מיינונג. איך מוז אייך אַנטלייהען האָמער. גייסטיגע גריבלעריי איז ניט אַלצדינג. וואָס איז שייך צו מיר, האָב איך קיינמאָל ניט בעדויערט, וואָס איך האָב צוגענומען פֿון דער בכבוד'יגער בעל-הבית'טע פֿילאָזאָפֿיע אַ טהייל פֿון מיין ליעבע, כדי עס צו געבען איהר דיענסטמיידעל "belles-lettres" (שעהנע ליטעראַטור). ס'טהוט מיר לייד, וואָס איך מוז זיך בענוצען מיט אַ פֿראַנ-צויזישען וואָרט, אָבער ס'איז ניטאָ קיין בעסערס דערפֿון. איהר שמייכעלט, צו געפֿינען אַ אידען, וואָס איז נאָך מעהר דייטש איידער די דייטשען אַליין."

„ניין, איך מוז שמייכלען, ווייל איך הער אַרום מיר בלויז פֿראַנצויזיש! איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב געלייענט אין אייערע „פֿילאָזאָפֿישע געשפּרעכען" דעם אויפֿרוף צו די דייטשען, אַז זיי זאָלען ניט אויסבייטען זייער אייגען גאָלד פֿאַר דאָס פֿליטער־גאָלד פֿון זייערע שכנים."

„יאָ, אָבער וואָס קען מען טהאָן דערצו? ס'איז אַ מאַניע ביי די בערלינער; און ווייסט איהר? דער קעניג אַליין... תחילת האָבען אונזערע אידישע מיידלאַך ניט געהאַט קיין אַנדער אינטערעס, נאָר צו פֿערברייננגען מיט די יונגע פֿראַנטען, וועלכע זיינען אַריבערגעשיקט געוואָרען אַהער פֿון זייערע פֿאָטערס, נאָר דער איינפֿלוס פֿון מיינע ליעבע טעכטער — דאָרט, די שעהנע איז דאָראָטהעאַ, די עלטערע, און די אַנדערע, וועלכע איז עהנליך צו מיר, איז הענריעטע, — זייער איינפֿלוס טהוט פֿיעל איינצוהאַלטען דעם שטראָם פֿון לייכטזיניגקייט און מאַטעריאַליזם. אָבער זעהט נאָר, איז, הייסט עס, נאָך דאָ אימיצער, וואָס לייענט מיינע „פֿילאָזאָפֿישע געשפּרעכען", מיין לעהרלינגס־ווערק! כ'האָב גאָרניט געהאַט בדעה עס צו לאָזען דרוקען. כ'האָב אַנטליהען לעסינג'ן דעם מאַנוסקריפּט און דערביי האָב איך אין שפּאַס בעמערקט, אַז איך וואָלט אויך געקענט שרייבען אַזוי ווי דער ענגלענדער שעפּטסבורי. און מערקווירדיג! ווען איך האָב איהם דאָס נעכסטע מאָל געטראָפֿען, האָט ער מיר דערלאַנגט די קאָרעקטור־בויגענס! טייערער גאָטהאָלד!"

„איז אמת, אַז דער קעניג — — ?"

„האָט מיך געשיקט רופֿען קיין פּאָטסדאַם, כדי מיך אויסצוזידלען? איהר דיינקט פֿון אַן אַנדער געשיכטע. דאָס איז געשעהן, ווען איך בין נאָך געווען יונג." ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן און געגומען ריידען מיט אַ נידעריגער שטימע. „אין אַ רעצענזיע האָב איך געוואַגט אָנצודייטען, אַז זיין מאַיעסטעט'ס פֿראַנצויזישע פֿערזען זיינען ניט פֿאָלקאָמען — אגב אורחא פֿרעהט מיך זעהר, וואָס ער האָט געשריבען עטליכע געגען וואָלטער. כ'האָב געמיינט, אַז איך האָב מיין מיינונג אַזוי פֿערשלייערט, אַז דער קעניג וועט זי קיינמאָל ניט פֿערשטעהן. אָבער אַ רשעות'דיגער הויפֿמאַן, דער פֿרעדיגער יוסטי, האָט מיך פֿער'מסר'ט, אַז איך בין אַ איד, וואָס האָט אַראָבגעוואָרפֿען פֿון זיך יעדען רעספּעקט פֿאַר דער הייליגסטער פּערזאָן פֿון זיין מאַיעסטעט. מען האָט מיך געשיקט רופֿען קיין סאַן־סוסי און — מיט אַ כונה פֿון רשעות — דוקא אום שבת. איך האָב עס אַזוי איינגעאָרדענט צו זיין דאָרט אין צייט און דאָך ניט מחלל שבת צו זיין."

„האַלט ער, הייסט עס, פֿאָרט שבת!" האָט זיך מימון מיט ערשטוינונג געטראַכט.

„איהר קענט זיך פֿאָרשטעלען, ווי מיר איז געווען אויף'ן האַרצען, ווי־סענדיג, אַז איך וועל דאָרט קיין האָניג ניט לעקען. דאָך האָב איך גע־טענה'ט, אַז דער, וואָס מאַכט פּערזען, איז אַזוי ווי דער, וואָס שפּיעלט אין קעגעל; און דער, וואָס שפּיעלט אין קעגעל, צי ער איז אַ מאָנאַרך אָדער אַ פּראָסטער פּויער, מוז זיין צופֿריעדען מיט דעם אורטהייל פֿון דעם יונג, וואָס האָט צו שאַפֿען איבער די קוגלען."

„און איהר זייט געבליבען לעבען!"

„יאָ, צום פֿערדרוס פֿון אַסך מענשען. כ'מיין, אַז זיין מאַיעסטעט האָט זיך געשעהמט פֿאַר די פראַנצויזישע ציניקער פֿון זיין הויף מיך צו בע־שטראָפֿען. פֿון אַ זיכערער קוועלע ווייס איך, אַז דער קעניג האָט מיך דער־פֿאַר געמאַכט פֿאַר אַ „שוץ־איד", ווייל דער מאַרקיז ד'אַרזשאַנס איז געווען ערשטוינט, ווען ער האָט געהערט, אַז די פּאָליציי קען מיך צו יעדער צייט אַרויסטרייבען פֿון בערלין. אַזוי האָב איך פֿאָרט וואָס עס איז צו פֿערדאַנקען די פֿראַנצויזען. שוין אַ לאַנגע צייט פֿאַר דעם זיינען מיינע פֿריינד צוגע־שטאַנען צו מיר, איך זאָל זעהן קריגען שוץ, אָבער איך האָב דעמאָלט גע־דיינקט וועגען דעם פּונקט ווי היינט, אַז מען דאַרף ניט בעטען אַזעלכע רעכטע, וואָס דער נידעריגסטער איד קען ניט געניסען. נאָר — אַ קעניג'ס געשיינקטען פֿערד קוקט מען ניט אין די צייהן. און אַצונד זאָלט איהר ווערן מיין שוץ־איד" — מימון'ס האַרץ האָט זיך געהויבען פֿון טיעפֿער דאַנקבאַרקייט, — „און עס פֿרעגט זיך נור, וואָס איהר האָט בדעה צו טהאָן אין בערלין; וואָס פֿאַר אַ קאַריערע זאָל אייך פֿערהעלפֿען צוצוקומען צו דעם שלאָס און דער פּרינצעסין?"

„איך וויל לערנען מעדיצין."

„גוט. דאָס איז די איינציגע פּראָפֿעסיאָן, וואָס שטעהט דאָ אָפֿען פֿאַר דעם אידען; הגם, איהר מוזט וויסען, אַז ווי גרויס אייער פּראַקטיקע זאָל ניט זיין — אפילו צווישען קריסטען, — נאָר אייער נאָמען וועלען זיי קיינ־מאָל ניט אַריינשטעלען אין דער ליסטע פֿון די דאָקטוירים. דאָך מיר מוזען זאָגען „גם זו לטובה" און דאַנקבאַר זיין פֿאַר די קליינע חסרים. אין פֿראַנק־פֿורט קענען זיך בעזעצען בלויז פֿיער אידישע דאָקטוירים, אין אַנדערע שטעדט קיין איין איינציגער אויך ניט. איך מוז אייך איבערגעבען צו דר. הערץ אין די הענד — דאָרט, יענער מאַן, וואָס לאַכט אַזוי משמעות איבער איינעם פֿון זיינע אייגענע גוטע וויצען, — דאָס איז דר. הערץ, און די שעהנע דאַמע איז זיין פֿרוי, הענריעטע, וועלכע האַלט איצט אין גרינדען אַ ג ע ט ה ע־סאַלאָן. זי און מיינע טעכטער זיינען אונשיידבאַר — אַ אידישע

דריי־איינינקייט. און אַזוי, הערר דאָקטאָר, לייג איך איך דאָ מיט קנאה פֿאָר די גראַטולאַציאָנען פֿון אַן איינפֿאַכען בוך־האַלטער."

„אָבער איהר זייט דאָך ניט קיין בוכהאַלטער!"

„איצט שוין ניט מעהר, נאָר אַלס אַזעלכער האָב איך אָנגעפֿאַנגען— אָדער, בעסער געזאָגט, איך בין געטריבען געוואָרען דערצו; וואָרים ווען מיין ליעבער הערר בערנהאַרדט האָט מיר פֿאָרגעלייגט צו ווערן בוכהאַלטער, בין איך געווען אַ תלמוד־לעהרער ביי איהם אין הויז. און איך בעדויער עס גאָר ניט. וואָרים מיר איז געבליבען גענוג צייט צו לערנען לאַטיין און גריכיש און מאַטעמאַטיק, און ענדליך בין איך געוואָרען אַ שותף אין געשעפֿט. אָבער איך בין דאָך שטענדיג געווען אַ לויף־פֿערד, וואָס מוז טראָגען אַ משא אויף זיך. נו יאָ! ניט מיין הויקער מיין איך דאָ, נאָר די פֿאַבריק רויבט ביי מיר אַוועק אַ גרויסען טהייל פֿון מיין צייט און פֿון מיינע געדאַנקען, און ווען איך וואָלט ניט אויפֿגעשטאַנען יעדען טאָג אום פֿינף אַזייגער — — אָבער איהר האָט מיך ווירקליך געמאַכט פֿאַר אַן עגאָאיסט. די עהנליכקייט פֿון אונזערע יוגענד־טעג, דאָס האָט אויפֿגע־עפֿענט ביי מיר דעם קוואַל פֿון ערא־ינערונגען. קומט! לאָמיך אייך פֿאָרשטע־לען פֿאַר מיין פֿרוי און מיין זוהן אַבראַהאַם. אַה, זעהט נאָר, די אָרעמע פֿראָמעט מאַכט צו מיר מיט דער האַנד. זי איז שוין מיעד אַליין צו האַלטען דעם שלאַכט־פֿעלד אין גאַנג. וואָלט איהר ניט געוואָלט זיך בע־קענען מיט מאָסיע דע מיראַבאָ? אָדער איך וועל אייך גאָר פֿאָרשטע־לען פֿאַר וועסעלי׳ן — ער וועט ריידען מיט אייך העברעאיש. וועסעלי טהוט דאָס די גאַנצע אַרבייט, פֿאַר וועלכער איך ווער אַזוי געלויבט; דאָס גיט ער זיך דאָס אַזוי פֿיעל אָב מיט אונזערע ברידער אידען, מיט וועלכע איך האָב ניט קיין הארץ און ניט קיין מוטה זיך אַרומצוררייסען. אָדער דאָרט איז ניקאָלײַ, דער גרינדער פֿון דער „ביבליאָטהעק פֿון די פֿרייע קונסטען", צו וועלכע איהר וועט נאָך, ווי איך האָף, פֿיעל בייטראָגען"— דערביי האָט ער אַ כיטרען שמייכעל געטהאָן. — „פֿילייכט וועט אייך פֿריילען ריימאַרוס בעקעהרען, יענע רייצענדע יונגע דאַמע דאָרט, וועלכע רעדט מיט איהר שוואָגער, אַ דענישער שטאַאַטס־ראַטה. זי איז אַ גרויסע פֿריינדין פֿון לעסינג. — אָבער וואָס זאָגט איהר דערצו? אָט קומט טאַקע לעסינג אַליין! איך בין זיכער, ער וועט זיך פֿרעהען צו מאַכען אייער בעקאַנטשאַפֿט."

„וויל ער איז אַ פֿריינד פֿון די אַרויסגעשטויסענע? ניין, ניין, נאָך ניט," און מימון, וועלכער איז צוריק אומעטיג געוואָרען האָט געמאַכט אַ מיענע, אַזוי ווי ער וואָלט זיך דערשראָקען פֿאַר אָט די אַלע גרויסע נעמען.

יאָ, ווירקליך, ער איז אַ טרוימער און אַ נאַר, און מענדעלזאָהן איז דער חכם. אין זיין ביטערקייט האָט ער זאָגאַר געצווייפֿעלט אין זיין אָבהאַנד־לונג, אין זיין שאַרפֿער לאָגיק, וועלכע האָט געזאָלט צושטערען יעדע טהעאָלאָגיע. אפשר איז מענדעלזאָהן גערעכט; פֿיליכט האָט ער ווירקליך געלייזט די אידישע פֿראַגע. זיין אַ איד צווישען דייטשען און אַ דייטש צווישען אידען; פֿעראייניגען דעם אַלטען גלויבען מיט נייער קולטור; האַלטען דעם קאָפּ אין דער הויך און זיך רעכענען פֿאַר אַן עהרענהאַפֿטען עלעמענט פֿון דער נאַציאָן — איז ניט אָט די קאַטוילישע פֿערזאַמלונג אַ בעוויז פֿאַר די אויספֿיהרבאַרקייט פֿון אַזאַ אידעאַל? געזונדער פֿערשטאַנד! וויפֿיעל זעלבסט־אָבשעצונג און וויץ איז געלעגען אין דעם בעריהמטען ענטפֿער, וואָס דער חכם האָט געגעבען דעם גאוה'דיגען דייטשען אָפֿיצער, וועלכער האָט איהם געפֿרעגט, מיט וואָס פֿאַר אַ סחורה ער האַנדעלט. „מיט דעם, וואָס וואָלט אייך זעהר צונוץ געקומען: מיט געזונדען פֿער־שטאַנד." מימון האָט זיך אַליין אויפֿגעמונטערט, כדי צו קענען בעסער צוהערען דעם געשפרעך. אויף דעם אָנטריב פֿון'ם בעל הבית האָט מען איצט אָנגעהויבען ריידען דייטש אָנשטאָט פֿראַנצויזיש; און מענדעלזאָהן האָט דעם געשפרעך בעהערשט פֿון זיין קאַמפּף־ריכטער־שטוהל מיט זיינע בליקען, צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ אָדער מאַכענדיג מיט דער האַנד. און האָט מען זיך געווענדעט צו איהם און געפֿרעגט זיין מיינונג, פֿלעגט ער געוועהנליך ערקלעהרען, אַז ביידע צדדים שטרייטען דאָ איבער ווערטער, ניט איבער זאַכען. מימון האָט פֿון זיין האַלב דונקעלען ווינקעל בעמערקט, אַז דער געשפרעך איז געוואָרען ערנסטער, איינהייטליכער, און אַז ער האָט בעריהרט טיעפֿערע פּראָבלעמען. ער האָט געזעהן, אַז פֿאַר מענדעלזאָהן פּונקט אַזוי ווי פֿאַר איהם אַליין האָט ניט עקזיסטירט קיין אַנדער זאַך נור גרויסע פֿראַגען. צופֿעליגע, זייטיגע איבערשלאָגען האָט מענדעלזאָהן אַזוי ווי איגנאָרירט, און אַז דער שמועס איז אַריבער צו ניט־וויכטיגע ענינים, איז ער גאָר געזעסען שטיל און קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. מימון האָט שטודירט דעם אידעלען בויגען פֿון זיין שטערען, די בעשימט־קייט פֿון דער נאָז, די אָנגעזעהענע ליפּען, אין ליכט פֿון הערר לאַוואַטער'ס טהעאָריען. לעסינג האָט ווייניג וואָס גערעדט; ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ געבראָכענער מאַן. דאָס גלענצענדע לעבען פֿון דעם קולטור־קעמפּפֿער האָט זיך געענדיגט אין פֿינסטערניש—וויב, קינד, געזונד, געלד און כמעט אויך דער גוטער נאָמען איז אַוועק: די נעמעזיס, די ראַבע־געטין פֿון דעם זשעניע.

אַ דאַמע פֿון דער געזעלשאַפֿט האָט זיך געסטאַרעט ציהען אויף זיך

די אויפמערקזאַמקייט מיט דעם, וואָס זי האָט גערעדט וועגען איהרע אייגענע כאַראַקטער־פעהלערן. זאָגאַר מימון האָט פערשטאַנען, אַז זי איז נור אויסען געווען צו הערען קאָמפּלימענטען. אָבער מענדעלזאָהן האָט איהר מיט אַן ערנסטער מיענע געראַטען אויסצובעסערן איהרע פעהלערן, און מימון האָט דערזעהן, ווי לעסינג׳ס אויגען ווערן צום ערשטען מאָל אויפגעלויכטען מיט אַ בלישטש פון הומאָר. דאַן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ פערטראַכטען צושטאַנד, האָט דער דיכטער אַרויסגע־צויגען פון טאַש אַ פּאַפּיר. „איך האָב שיער ניט פערגעסען אייך אָבגעבען קאַנט׳ס בריעף,” האָט ער געזאָגט. „מען קען אייך ווירקליך גראַטולירען.”

מענדעלזאָהן איז רויט געוואָרען ווי אַ קליינער אינגעל און האָט אַ כאַפּ געטהאָן דעם בריעף, אָבער לעסינג האָט צום שפּאַס ניט אַנדערש נאָר געוואָלט איהם פערלעזען פאַר דער געזעלשאַפט.

„אין אייער „ירושלים” האָט זיך אייך איינגעגעבען צו פעראייניגען אייער רעליגיאָן מיט אַזאַ מין גראַד פון געוויסענס־פרייהייט, ווי מען האָט יך דאָס גאָר קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלען, און מיט וואָס קיין אַנדער גלויבען קען ניט שטאָלצירען. איהר האָט אויך אין דערזעלבער צייט אַזוי גרינדליך און אַזוי קלאָהר בעוויזען די נויטוועגדיגקייט פון אונבעגרענעצטער געוויסענס־פרייהייט צו יעדער רעליגיאָן, אַז אונזער קירכע וועט ענדליך אויך מוזען דיינקען וועגען דעם, ווי אַזוי צו בעזייטיגען פון זיך אַלעס, וואָס שטערט און אונטערדריקט דעם געוויסען, אַזוי אַז דאָס וועט ענדליך פעראייניגען אַלע מענשען אין זייער בליק אויף די הויפּט פונקטען פון דער רעליגיאָן.”

אַ מורמלעריי פון בייפאַל איז דורך דורך דער געזעלשאַפט. „אַזאַ בריעף וואָלט מיר געקענט בעצאָהלען פאַר אַסך מעהר פלאָגען ווי מיינע ווערק האָבען מיר געבראַכט,” האָט זיך מענדעלזאָהן אָבגערופען. „און אַז מען בערעכענט,” האָט ער צוגעלייגט מיט אַ געלעכטער, „אַז איך האָב אַמאָל קאַנט׳ן געשלאָגען אין אַ פּרייז־וועט! אַ בעוויז פאַר דעם זיעג פון קלאָהרע אויס-דריקע איבער געדאַנקען-טיעפקייט. דאָס האָב איך אייך צו פערדאַנקען, לעסינג.”

דער דיכטער האָט געמאַכט אַ קרומען פּנים. „וואָס זשע, איהר בע־שולדיגט מיך, הייסט עס, אַז איך קען אָנטרייבען אימיצען צו אויבער־פלעכליכקייט!”

דער עולם האָט זיך צולאַכט.

„ניין, איך האָב געמיינט צו זאָגען דערמיט, אַז איהר האָט פון די רויזען פון דער פילאָזאָפיע אַרויסגענומען די דערנער! ווען קאַנט וואָלט נור וועלען שרייבען ווי איהר—”

„וואָלט ער זיך אַליין פֿערשטעהן,‟ איז די שעהנע הענריעטע הערץ אריינגעפֿאַלען אין די רייד.

„און זיינע שילער פֿערלירען,‟ האָט צוגעלייגט איהר מאַן. „אָט דערפֿאַר זיינען מיר פֿרומע אידען דאָך אַזוי בייז אויף אייך, הערר מענדעלזאָהן, פֿאַר אייער דייטשער איבערזעצונג פֿון דער ביבעל; איהר מאַכט די ביבעל צו פֿערשטענדליך.‟

„יאָ אַנדערע האָבען געטהאָן וואָס זיי האָבען נור געקענט זי צו פֿערדרעהען,‟ האָט מענדעלזאָהן געענטפֿערט מיט אַ זיפֿץ. „אָבער דער צאָרן, וואָס מיין איבערזעצונג האָט אַרויסגערופֿען צווישען די זאָגענאַנטע קלוגע מענער פֿון אונזער צייט, איז דער בעסטער בעוויז, אַז זי איז נייטיג. ווען מיר איז אַרויפֿגעקומען דער געדאַנק צו שאַפֿען אַ קלאָהרע ביבעל אין אַ גוטער דייטשער שפּראַך, האָב איך לכתחילה אין זינען געהאַט מיינע אייגענע קינדער, דערנאָך בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז איך קען אויך דערמיט דיענען דעם גרויסען עולם; אַצונד זעה איך, אַז די רבנים נייטיגען זיך אין איהר אַם מייסטען. יאָהרהונדערטע פֿון פֿערקעהרטען דיינקען האָבען זיי אָבגעטעמפּט פֿאַר די שעהנקייטען פֿון דער ביבעל. זיי האָבען זי פֿערנאַכלעסיגט אַלס עלעמענטאַריש, ווען זיי האָבען זי ניט אַליין איינגעוויקעלט אין משונה׳דיגע פּלאָנטערס. שפּיציגע פּשט׳לאַך און פֿער־דרעהענישען, דאָס איז אַלעס—א שעהנער טעקסט, גאָרנישט. דערצו קומט נאָך זייער פֿערדאָרבענע שפּראַך—קיין זאַך ברייננגט אַ פֿאָלק ניט אַזוי פֿיעל שאָדען ווי דאָס,—זיי האָבען פשוט פֿערהייליגט אָט דעם דייטשען זשאַרגאָן, און איך בין אַ וואָלף אין אַ שאָפֿענעם פּעלץ, דערפֿאַר וואָס איך האָב געשריבען גוטעס דייטש מיט העברעאישע בוכשטאַבען. זאָגאַר די פֿראַנצויזישע אידען, דערצעהלט מיר ס ע ר ף ב ע ר, האַלטען שלעכטעס דייטש פֿאַר הייליג. שוין גאָר ניט צו ריידען פֿון עסטרייך.‟

„אָבוואַרטען! אָבוואַרטען!‟ האָט זיך אָבגערופֿען אַ שאַרפֿזיניגער מאַן. „די געזעצען פֿון קייזער יאָזעף וועלען דאָס אַלעס ענדערן. — עס וועט קו־מען די צייט, ווען די אידען פֿון וויען וועלען זיין געצוואונגען צו געהן אין שולע און לערנען די וויסענשאַפֿטען; זיי וועלען ווערן אַ געשעצטער עלע־מענט פֿון דער נאַציאָן.‟

מענדעלזאָהן האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט זיין וועלט־קלוגען קאָפּ.

„ניט אַזוי שנעל, מיין ליעבער וועסעלי, ניט אַזוי שנעל. אייער העברעאיש לויב־געזאַנג צום עסטרייכישען קייזער איז אַלס פּאָעזיע טאַקע געווען גרויס־אַרטיג, אָהן דעם מינדעסטען פֿעהלער, אָבער היסטאָריש, האָב איך מורא,

איז דאָס געווען אַ טרוים, אַן איינבילדונג. ווער ווייס, צי דאָס איז מעהר ווי אַ פֿאָראיבערגעהענדער פּאָליטישער דריידעל?״

„און מיר פֿרומע אידען,״ איז דר. הערץ מיט אַ שמייכעל אַריינגעפֿאַלען אין די רייד, „אונז שיקט מען ניט אַזוי לייכט אין שולע, דאָס פֿערגעסט איהר גאָר, הערר וועסעלי. מיר האָבען אונזער מענדעלזאָהן׳ן קיינמאָל ניט געקענט מוחל זיין דערפֿאַר וואָס ער האָט געזאָגט, אַז אונזער הערליכע רעליגיאָן איז אַרומגענומען מיט שפּינוועבס. די שפּינוועבס, גראָד דאָס האָבען מיר ליעב, ניט דעם אַלטען פֿאָרט-וויין.״

„יאָ, ווירקליך,״ איז מימון אַריינגעפֿאַלען פּלוצלינג און אַזוי פֿעראינטערעסירט, אַז ער האָט זיך גאָר פֿערגעסען אָן זיין זשאַרגאָן און זאָגאַר זיינע קליידער. „ווען איך בין געווען אין פּוילען, בין איך אַליין געשמאַק אַרומגעקראָכען אין דער דאָזיגער בלאָטע; כ׳האָב זיי ערקלעהרט, אַז די אידען דאַרפֿען ניט שטעהן „שמנה עשרה״ דוקא צו מזרח, ווייל די שטאָדט ירושלים, צו וועלכער זיי דאַרפֿען זיך, לויט דעם תלמוד, ווענדען, קען דאָך ניט ליגען גענוי אין מזרח זייט פֿון יעדער געגענד. באמת ליגט אונזער געגענד אין צפון-מערב זייט, אַזוי אַז זיי האָבען זיך געדאַרפֿט ווענדען״ — דאָ האָט ער אָנגעהויבען דרעהען מיט׳ן גראָבען פֿינגער און ריידען מיט אַ גמרא-ניגון — „אין דרום-מזרח זייט. איך האָב זיי געגעבען צו פֿערשטעהן, אַז עס איז לייכט אין יעדער שטאָדט אויסצורעכענען די גענויע ריכטונג דורך ווינקעל-מעסער און צירקלען — —״

„דורך ספֿערישע טריגאָנאָמעטריע, פֿערשטעהט זיך,״ האָט מענדעלזאָהן מיט אַ מילדען טאָן געזאָגט. מימון, דערפֿיהלענדיג דעם פֿעהלער אין זיין שפּראַך, איז רויט געוואָרען און האָט מיט אַמאָל דערזעהן, אַז אַלע אויגען זיינען געווענדט אויף איהם. אָבער דער בעל הבית האָט איהם ניט געלאָזט קיין צייט צו קומען אין פֿערלעגענהייט, ווייל ער האָט גלייך צוגעלייגט: „איהר דערמאָנט מיך אָן דעם פֿאָרוואורף, וואָס מען האָט מיר געמאַכט דאַן, ווען איך האָב זיך ערקלעהרט איינשטימיג מיט דעם הערצאָג פֿון מעקלענבורג-שווערין׳ס בעפֿעהל, אַז מיר זאָלען ניט מקבר זיין אונזערע מתים פֿאַר דעם דריטען טאָג. און דאָס, ניט קוקענדיג אויף די ראיות, וואָס איך האָב געבראַכט פֿון דער גמרא! אַך גאָט! ווען די רבנים וואָלטען מיט אַזאַ חשק בעגראָבען טויטע אידען, ווי טויטע קערפּער!״

אַלע האָבען געשמייכעלט, נאָר מימון האָט מיט אַ טאָן פֿון דרייסטקייט געזאָגט:

„כ׳מיין, איהר בעהאַנדעלט זיי נאָך צו טאָלעראַנט.״

„וואָס, הערר מימון!״ און מענדעלזאָהן האָט אַ שמייכעל געטהאָן מיט

דעם האַלב־טרויעריגען שמייכעל פֿון דעם קלוגען מאַן, וואָס האָט דערקענט דעם הומאָר אין דעם שוישפּיעל „לעבען" און פיהלט זיך אַליין אַלס מיט־שפּיעלער אין דעם. „וואָלט איהר געוואָלט, איך זאָל ענטפֿערן מיט אינטאָ־לעראַנץ אויף אינטאָלעראַנץ? איך וויל צוגעבען, אַז בעת איך בין געווען אין אייער עלטער — און מיט נאָך אַ הייסערן טעמפּעראַמענט ווי איהר — דאַן וואָלט איך געקענט ווערן אַ רעכטער פֿערפֿאָלגער. אין יענע טעג האָב איך מיטגעאַרבייט אין'ם מילדעסטען פֿון אַלע בלעטער, „דער מאָראַל־פריידיגער" האָבען מיר יונגע חברה עס גערופֿען. נאָר אַזוי ווי ס'האָט ניט געטריפֿט מיט פֿרומקייט, האָבען די פֿרומע אויף יעדען זייטעל געפֿונען אפיקורסות. כ'האָב דעמאָלט געפֿיהלט, אַז איך וואָלט זיי געקענט שלאָגען, די דומקעפּ, אָדער ווײנען פֿאַר ערגערניש. אַצונד זעה איך, אַז אינטאָלעראַנץ קען פונקט אַזוי גוט זיין אַ בעוויז פֿון ערנסטקייט ווי פֿון דומהייט. ס'איז גוט, וואָס די מענשען האַלטען אָפֿען די אויגען און ווערן אויפֿגעבראַכט ביי דעם מינדעסטען רויהען ווינד, וואָס קומט אויף די בליטהען פֿון'ם גלויבען, וואָס זיי פֿלעגען. די איינציגע קריטיק, וואָס האָט נאָך די מאַכט מיך צו ערגערן, איז די קריטיק פֿון'ם שרעקעדיגען, וועלכער האָט מורא, אַז ער קען נאָך אַרויסרופֿען אַ אידען־פֿערפֿאָלגונג, ווען ער זאָל אַזוי וואָס אַרויס־ברײנגען פֿון מויל. אָבער וואָס איז שייך צו אַלעם איבעריגען איז די געגנערשאַפֿט, די אָפּאָזיציאָן בלויז דער שמעלץ־אויווען פֿאַר נייע אידעען. איך טהו מיין טהייל אין דער וועלט, זאָלען זיך די אַנדערע טהאָן זייערס. אַזוי גיך ווי איך האָב איבערגעגעבען מיין איבערזעצונג דעם פֿריינד דובנאָ צום דרוק, האָב איך גענומען מיין נשמה אין די הענד, אויפֿגעהויבען מיינע אוי־גען צו די בערג און אויסגעשטעלט מיין רוקען צו די שמייסער. דאָך פֿער־דריסט מיר, וואָס גראָד דער רב פֿון פּאָזען האָט עס אַרויסגעשליידערט אָט די אַלט־מאָדישע דונער־שלאָגען געגען דעם דייטשען חומש פֿון „משה דעסאַוער"; וואָרים אי אַלס תלמודיסט אי אַלס מאַטעמאַטיקער האָט הירש יאַנאָוו מיין טיעפֿסטען רעספּעקט. ניט אומזיסט האָט ער אַ שם פֿאַר אַ „חריף", און פֿון אַלעם, וואָס איך הער, זעה איך, אַז ער איז ווירקליך אַ גוטער מענש."

„אַ היילִיגער!" האָט זיך מימון מיט בעגייסטערונג אָבגערופֿען, פֿערגע־סענדיג פֿון דאָס ניי זיין צוריקגעצויגענקייט. זיין שטימע האָט געציטערט, ווען ער האָט געהאַלטען אַ פֿייערדיגע לויב־רעדע פֿאַר זיין אַמאָליגען וואָהל־טהעטער און איהם געשילדערט אַזוי ווי ער וואָלט געהאַלטען דערביי צו שטאַרבען אין זיינע בעסטע יאָהרען, אויסגעמוטשעט פֿון אויף־זיין גאַנצע נעכט און פֿון די פיינִיגונגען, וועלכע ער טהוט זיך אַליין אָן. ווידער אַמאָל

האָט זיך מימון׳ס געפֿיהל אַ קעהר געטהאָן, און נייע צווייפֿלען וועגען דער מענדעלזאָהנישער אויפֿקלעהרונג האָבען דורכגענומען זיין זעעלע. ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער האָט נאָר וואָס פֿערדאַמט די פֿאַנאַטיקער, האָט ער איצט געפֿיהלט אַ זעלטענע סימפּאַטיע מיט דעם דאָזיגען ליעבענסווירדיגען אַסקעט, וועלכער האָט געפֿאַסט יעדען טאָג, פּייניגענדיג זיינע טעקסטען ווי זיך אַליין, מיט אָט דעם האָפֿנונגסלאָזען מיסטיקער, פֿאַר וועלכע ס׳האָט ניט געקענט זיין קיין שום בריק צום מאָדערנעם געדאַנק. דער פּוילישער איד אין איהם איז אויף אַ גאַנץ אונפֿערנינפֿטיגען אופֿן אויפֿגעבראַכט געוואָרען געגען דעם נייעם דייטשען פֿערנונפֿט-גלויבען. ניין, ניין, אַלעס אָדער גאָרנישט. דעם פּלאַץ פֿון אידישען קאַטאָליציזם קען ניט פֿערנעהמען אַ אידישער פּראָטעסטאַנטיזם. אָט די ריהרענדע פֿאַנאַטיקער, וועלכע האַלטען זיך פֿערצווייפֿעלט אָן דער פֿערגאַנגענהייט, האָבען אַ טיעפֿערן אינסטינקט, אַ וואַהרערע פֿאָראויסזעהונג פֿון דער צוקונפֿט, ווי אָט דער אויסגעפֿיינטער פֿילאָזאָף.

„יאָ, דאָס וואָס איהר דערצעהלט מיר דאָ וועגען הירש יאַנאָוו, שטימט מיט אַלצדינג, וואָס איך האָב געהערט,“ האָט מענדעלזאָהן רוהיג געזאָגט. „אָבער איך פֿערלאָז זיך אויף דער צייט און אויף׳ן נייעם דור. איך וואָלט געקענט וועטען, אַז די איבערזעצונג, וואָס איך האָב געמאַכט פֿאַר מיינע קינדער, וועלען זיינע קינדער לייענען.“

צופֿעליג האָט מימון אַ קוק געטהאָן איבער מענדעלזאָהן׳ס שולטער אויף זיינע טעכטער אין זייערע פּאַריזער קליידער. ער האָט געזעהן, ווי זיי טוישען זיך אויס מיט אַ מערקווירדיגען בליק און מאַכען סקעפּטיש מיט די ברעמען. ווי אַ בליץ איז איהם דורכגעלאָפֿען אַ געדאַנק אין מוח; ער האָט געטראָפֿען, וואָס זיי האָבען געמיינט דערמיט. זוכענדיג אַ וויץ, האָט זיך מענדעלזאָהן אָנגעשטויסען אויף אַ צווייפֿעלהאַפֿטע נבואה.

„די איבערזעצונג, וואָס איך האָב געמאַכט פֿאַר מיינע קינדער, וועלען זיינע קינדער לייענען.“

זיינע, פֿילייכט.

אָבער מיינע?

אַ שוידער איז אַריבער מימון׳ן איבער׳ן לייב, אַזוי ווי דאָס פֿאָרגעפֿיהל פֿון אַ טראַגעדיע. פֿילייכט וועלען מענדעלזאָהן׳ס קינדער גראָד לייענען זיין אָבהאַנדלונג. פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מענדעלזאָהן האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגען איהר פֿערניכטענדער לאָגיק.

אַז ער האָט זיך אָבגעזעגענט מיט איהם, האָט ער גאַנץ איינפֿאַך געפֿרעגט: „וואָס האָט איהר צו זאָגען וועגען מיינע אַרגומענטען?“

„איהר זייט נאָך דערוויל ניט אויף'ן רעכטען וועג," האָט מענדעלזאָהן געענטפֿערט און איהם פֿריינדליך אויסגעשטרעקט די האַנד, „נאָר דער פֿאָרטשריט פֿון אייערע פֿאָרשונגען דאַרף ניט געשטערט ווערען. דער צווייפֿעל, ווי ד ע ק אַ ר ט זאָגט מיט רעכט, איז דער אָנפֿאַנג פֿון פֿילאָזאָפֿישער פֿאָרשונג."

אויף דער שוועל האָט ער פֿערלאָזען דעם פּוילישען פֿילאָזאָף, וועלכער איז געוועזען דורכגעדרונגען פֿון געגענגעזעצטע, שטרייטענדע געפֿיהלען.

## IV.

אָט די געמישטע געפֿיהלען פֿון מימון דעם נאַר צו נתן דעם חכם האָבען אָנגעהאַלטען ביז וואַנען דער טויט פֿון'ם חכם האָט איינגעוויקעלט בערלין אין טרויער און אָנגעפֿילט דעם נאַר מיט אומזיסטער חרטה איבער זיינע פֿערשוועכענדע געדאַנקען וועגען אַ מענשען, וועמעס גרויסען כאַראַקטער דער טויט האָט אויף אייביג אויסגעקריצט מיט זיין דלאָט. Quis desideris sit pudor aut modus tam cari capitis? האָט ער געשריבען אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע.

צו אָפֿט האָט ער פֿערלאָרען דעם קאָנטראָל איבער זיך — דער עיקר ווען ש פּ י נ אָ ז אַ איז געוועזען דאָס טהעמאַ— און פֿלעגט כמעט בעשולדיגען מענדעלזאָהן'ן אין אונעהרליכקייט. צי איז דען וואַרהייט ניט דאָס העכסטע אידעאַל? און איז ניט שפּינאָזאַ פּונקט אַזוי אונבעשטרייטבאַר ווי י ו ק ל י ד? וואָס! קען דער עמאַנציפּירטער גייסט ווירקליך פֿערלייקענען אָט דעם וואונדערבאַרען דיינקער, וועלכער איז נאָך אַ יאָהרהונדערט פֿון מורא'דיגער פֿערליימדונג דאָך געבליבען דער אַנערקענטער נביא פֿון'ם גאָט פֿון דער צוקונפֿט, וועלכער האָט אינספּירירט געטהע'ן און אַלעס בעסטע, וואָס איז געוועזען אין דעם מאָדערנעם געדאַנק! אָבער ניין, מענדעלזאָהן האָט זיך מיט האַרטנעקיגקייט געהאַלטען פֿעסט ביי זיין אייגענעם לעבענס-סיסטעם און האָט קיינמאָל ניט געוואָלט צוגעבען, אַז זיין לאַנגע גייסטיגע גליק-זעליגקייט איז געבויט אויף אַ ליגען. דאָס איז געוועזען זעהר אונפֿערנינפֿטיג און פֿערדריסליך פֿון זיין זייט, און זיין פֿאָרמולע, מיט וועלכער ער פֿלעגט שליסען די וכוחים: „מיר מוזען זיך האַלטען פֿעסט ניט אָן ווערטער, נאָר אָן די זאַכען, וואָס זיי בעצייכענען",—אָט די פֿאָרמולע זיינע האָט נאָך מעהר געררייצט. נאָר מערקווירדיג איז, אַז נאָכדעם ווי דער אונרוהיגער

מימון האָט פֿון זיך אַליין אויפֿגעגעבען שפּינאָזאַ'ן, זיינען מענדעלזאָהן'ס לעצטע יאָהרען געווען אַרומגעוויקעלט מיט דעם כלומר'שטען שפּינאָציזם פֿון זיין טייערן פֿערשטאָרבענעם לעסינג!

אָבער איצט, ווען דער חכם איז געווען טויט, האָט דער נאַר זיך דערמאָנט אָן זיין אונענדליכער געדולד, אָן יענער געדולד, וועלכע איז געקומען ניט פֿון בלוט-לאָזיגקייט, נאָר פֿון אַ ליידענשאַפֿטליכער זעעלע, וועלכע האָט זיך אַליין בעזיעגט—און וועלכע האָט ניט געקענט פֿערביטערט ווערן, ניט דורך דער ענטטוישענדער קאַריערע פֿון אַ נאַר, ניט דורך די אויסברוכען פֿון זיין געזונקענהייט.

מימון'ס לעבען האָט, אמת, געבראַכט מיט זיך נאָך פֿיעל אָבוועקס־לונגען, נאָר צו דעם מעדיצינישען פֿאַך איז עס קיינמאָל ניט געקומען. „איך פֿאָדער פֿון יעדען מענשען מיט אַ געזונדען פֿערשטאַנד, ער זאָל זיך אויסאַרבייטען אַ פלאַן פֿון טהעטיגקייט," האָט דער פֿילאָזאָף געזאָגט; און ער האָט געוואַנדערט קיין ברעסלוי, קיין אַמסטערדאַם, קיין פּאָטסדאַם, אַ דאַרמאָיעדניק, אַ פּאַראַזיט אויף זיינע בעשיצער, אַ ביליגע סחורה פֿאַר זיינע פֿערלעגער, אַ שונא פֿון מאַניערען, אַ גייסטרייכער און געאַכטעטער מעטאַפֿיזיקער. ווען קאַנט האָט ערקלעהרט, אַז מימון איז דער איינציגער פֿון זיינע קריטיקער, וואָס האָט פֿערשטאַנען „די קריטיק פֿון דער ריינער פֿערנונפֿט", האָט זיך מימון אומגעקעהרט צוריק קיין בערלין, כדי זיך נעהמען צו דער פֿילאָזאָפֿישער אַרבייט, וועלכע האָט איהם געזאָלט געבען אַ בעזונדער הויכען פלאַץ צווישען די קאַנטיאַנער. געטהע און שילער האָבען איהם אויפֿגענומען מיט כבוד. די בערלינער געזעלשאַפֿט איז איהם געלעגען צו די פֿיס. דאָך איז ער ביז'ן סוף געבליבען אָהן מיטלען און אָהן וואָס פֿאַר עס איז אָנהאַלט, אומגעלומפערט און אָהן דעם מינדעסטען קאָנטראָל איבער זיך. ניט זעלטען, ווען די שיינקען האָבען זיך צוגעמאַכט, פֿלעגט ער זיך אַרומשלעפּען אַ שכור'ער איבער די רוהיגע גאַסען און טראַכטען פֿון זעלבסטמאָרד אָדער איינ'טענה'ן מיט די פּאָליציי־לייט, וועלכע האָבען איהם געשיקט אַהיים שלאָפֿען, מכח מעטאַפֿיזישע פּראָבלעמען.

„וואָרים מיט זיין גאַנצער מאַטעמאַטיק," האָט וועגען איהם געזאָגט אַ פֿריינד, „דיינקט ער, ווייזט אויס, קיינמאָל ניט נאָך איבער דעם אונ־טערשיעד צווישען „פּלוס" און „מינוס" אין געלד־זאַכען." „מענשען פֿון דיין גלייכען איז אַרויסגעוואָרפֿען, וואָס מען פֿערזוכט גאָר זיי צו העלפֿען," האָט געזאָגט אַן אַנדערער, ווענען ער האָט שוין פֿאָלשטענדיג אויסגעזויגען, בעת מימון האָט ווידער געבעטען ביי איהם עטליכע העלער. אָבער ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגעאייגענט די אונטערוואָרפֿענקייט פֿון'ס בעטלער, אַדרבה,

אָפּטמאָל איז ער נאָך געווען דער בעשיצער פֿון אָרעמערע טעלער־לעקער, ווען ער פֿלעגט אָבגעבען זיין לעצט גלאָז ביער. אונגעהובעלט אין זיינע מאַניערען, פֿלעגט ער בשום אופן ניט ווען אַרונטערנעהמען פֿאַר קיינעם דעם הוט אָדער בעגריסען פֿריינדליך זיינע פֿריינד. ער האָט זיך אויך ענטזאָגט צו טראָגען אַ פּאַריק. ריינע פֿערנונפֿט אַליין מוז הערשען.

אַזוי האָט מען דעם בעוואַקסענעם, אונגעשאָרענעם פֿילאָזאָף, איינגע־הילט אין אַ זעהר ברייטען מאַנטעל, געקענט טרעפֿען אויף אַ באַנק ערגעץ־וואו אין אַ קאַפֿע־הויז אָדער אין אַ ביער־לאָקאַל, וואו ער פֿלעגט צייטענווייז זיצען און שרייבען זיינע טיפֿע אָבהאַנדלונגען איבער „טראַנ־צעדענטאַלע פֿילאָזאָפֿיע". די בלעטער האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט און פֿלעגען פֿערלאָרען געהן, פּונקט ווי עס איז אויך קיין אָרדנונג ניט געווען אין זיינע געדאַנקען. דער גמרא־סטיל האָט זיך נאָך געמישט אין זיין דייטשער שרייב־אַרט, פּונקט ווי דער גמרא־ניגון האָט נאָך אָבגעקלונגען אין זיין ריידען, אַזוי אַז זיין קערפּער פֿלעגט זיך וויעגען אַהין און אַהער, בעוועגענדיג מיט די גראָבע פֿינגער, און זיין שטימע פֿלעגט מיט אַ פֿרומען געזאַנג בעגלייטען די געדאַנקען, וועלכע האָבען געזאָלט פּאַראַלי־זירען די תלמוד־שולע. פּונקט אַזוי פֿלעגט אויך זיין יודיש־פּוילישער זשאַרגאָן, זיין מאַמע־לשון צייטענווייז אָבקלינגען אין זיינע רייד, ווען ער פֿלעגט פֿערלירען אַ פּאַרטיע שאַך אָדער זיך שטאַרק צוקאָכען אין אַ וכוח. זיין אַלטע רעליגיאָן האָט ער פֿאָלשטענדיג אַראָבגעוואָרפֿען פֿון זיך, און דאָך האָט איהם אַ ניגון פֿון שוהל אימער געקענט ריהרען ביז טרערען. צייטענ-ווייז האָט מען איהם געקענט טרעפֿען אין טהעאַטער, וואו ער פֿלעגט היסטעריש שלוכצען ביי טראַגעדיעס און זיך קאַטשען פֿאַר געלעכטער, ווען ער האָט בייגעוואוינט אַ קאָמעדיע; וואָרים אונטער דער צייט האָט זיך אין איהם ענטוויקעלט אַ ליעבע צו האָמער און די מענשליכע קינסטע, הגם ער פֿלעגט תהילת טענה'ן, אַז אַפילו דער שטאַרקסטער דראַמאַטישער אויסדרוק קען ניט איבערשטייגען זיין שווינגער'ס קללות. ס'איז אמת, אַז זינט ער האָט פֿערלאָזען זיין היים, האָט ער זיך מיט איהר מעהר קיינמאָל ניט געזעהן; נור זיין ווייב און זיין עלסטער זוהן האָבען איהם אויסגעפֿונען אין ברעסלוי, אָבער דאָס איז געווען בלויז, אום אַרויסצוקריגען פֿון איהם דוקאַטען און אַ גט. אויף דאָס לעצטע, דעם גט, האָט מימון אַיינגעווילינט נאָך לאַנגע יוריסטישע פּלאָנטערס. אָבער ער האָט פֿון זיין פֿרייהייט ניט געצויגען קיין נוצען. קיין אייגענע היים האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט, ווען ניט ווען נור אַ דאַך־שטיבעל, וואו ער פֿלעגט אַרבייטען ביי אַ וואַקעלדיגען טיש, אין פֿוס געוועהנליך אונטערגעשפּאַרט מיט אַ גרויסען בוך —

אַרומגערינגעלט פֿון די קעץ און די הינט, וועלכע ער פֿלעגט אַריינגעהמען צו זיך, אום איהם צו האַלטען קאָמפּאַניע. און זאָגאַר ווען ער האָט געוואוינט אין אַ פּריצישען פּאַלאַץ, האָט ער אַרום זיך אַלץ ניט געהאַט קיין בעסערע אָרדנונג. אין אַמסטערדאַם האָט ער די האָלענדער געבראַכט צו פֿערצווייפֿלונג; זאָגאַר דייטשע הויז־ווירטהען פֿלעגט ער אַרויסבריינגען פֿון גדולד. דאָך דער צויבער פֿון זיין ריידענס־אַרט, זיין שטראַהלענדער גייסט האָבען איהם איבעראַל בעליעבט געמאַכט. און דאָס גליק, וואָס בעגינסטיגט די נאַראָנים, האָט צוגעשמייכעלט זיינע לעצטע לעבענס־יאָהרען, און האָט איהם געבראַכט אַ בעוואונדערער אין דעם גראַף קאַלקרויטה, אַן אינטעליגענטען שלעזישען פּריץ, וועלכער האָט איהם אַרויסגעצויגען פֿון זיינע אָרעמע, קלעגליכע וואוין־פּלעצער, אום איהם צו געבען אַ היים אין זיין אייגענעם שלאָס, לעבען פֿריישטאַדט.

אין אַ טרויעריגען, דונקעלען נאָוועמבער־טאָג, ליגענדיג אויף זיין רייכען טויטען־בעט, שטאַרבענדיג צו זעקס און פֿערציג יאָהר פֿון אַ פֿערנאַכלעסיגטען לונגען-פֿעהלער, האָט זיך אַ ווירדיגער קאַטוילישער פּאַסטאָר בעמיהט איהם צו בריינגען אין אַ מעהר קריסטליכער שטימונג.

„וואָס מאַכט עס אויס?" האָט דער ליידענדער פּראָטעסטירט; „ווען איך וועל זיין טויט, איז דאָך אויס מיט מיר."

„ווי קענט איהר דאָס זאָגען, טייערער פֿריינד?" האָט דער פּאַסטאָר מיט אַ טיעף־געריהרטער שטימע געענטפֿערט. „ווי? אייער גייסט, וואָס האָט זיך זאָגאַר אונטער די אונגינסטיגסטע בעדינגונגען אַלץ מעהר און מעהר אויפֿגעהויבען צו אַ העכערער פֿאָלקאָמענהייט; אייער גייסט, וואָס האָט געטראָגען אַזעלכע שעהנע בליטהען און פֿריכטע — זאָל געטראָטען ווערן אין שטויב מיט דער אָרעמער איינהילונג, אין וועלכער ער איז ביז אַהער געווען אָנגעטהאָן? פֿיהלט איהר ניט אין דער דאָזיגער רגע, אַז אין אייך איז דאָ עפּעס, וואָס איז ניט קיין קערפּער, ניט קיין שטאָף און וואָס איז ניט אונטערוואָרפֿען די בעדינגונגען פֿון רוים און צייט?"

„אַה!" האָט מימון געענטפֿערט, „דאָס זיינען בלויז שעהנע טרוימען און האָפֿנונגען —"

„וועלכע וועלען זיכער ערפֿילט ווערן. וואָלט איהר ניט געוואונשען זיך נאָך אַמאָל צו זעהן מיט מענדעלזאָהן'ן?"

מימון האָט געשוויגען.

פּלוצלינג האָט דער שטאַרבענדער אויסגעשריען: „וועה מיר! איך בין געווען אַ נאַר, דער נאַרישסטער צווישען די נאַרישסטע." דער געדאַנק וועגען נתן דעם חכם איז געוואָרען פֿאַר איהם ווי אַ פֿייערדיגער רוט. צו

שפעט איז ער געוואָהר געוואָרען, אַז די ליעבע צום אמת האָט איהם פֿער־ניכטעט. וויסען אַליין איז ניט גענוג אין לעבען. דער ווילען און די געפֿיהלען פֿאָדערן אויך זייער נאַהרונג און איבונג, אַזוי גוט ווי דער גייסט. דער מענש איז ניט געשאַפֿען געוואָרען דערצו, בלויז זיך נאָכצויאָגען נאָך אַן אַבסטראַקטער פֿאָרמולע, אַ בלויזער שאָטען אַנטקעגען דער לעבעדיגער ווירקליכקייט.

„זוכען די וואַהרהייט" — יאָ, דאָס איז געווען איין אידעאַל. אָבער אויסערדעם איז נאָך געבליבען — ווי עס האָט געהייסען אין דעם ציטאַט, וועלכען מענדעלזאָהן'ס תלמידים האָבען אויסגעקליבען פֿאַר זייער מאָטאָ — „צו ליעבען דאָס שעהנע, ווינשען דאָס גוטע, טהאָן דאָס בעסטע". מענ־דעלזאָהן מיט זיין געאָרדענטען פלאַן פֿון אַ האַרמאָנישען לעבען, מיט זיין גלייכער אויפֿפֿאַסונג פֿון געדאַנק און לעבען, האָט געהאַלטען אַ געזונדע גלייכגעוויכט צווישען פֿילאָזאָפֿיע און וויסענשאַפֿטען, סטודיום און געשעפֿט, אין פֿולער איינשטימונג מיט דעם העללעניזם, מיט דעם גריכענטוהם, און דאָך ניט אויפֿגעבענדיג דאָס העברעערטהום. אַזוי איז ער מיט דערזעלבער איבערגעבענהייט געבליבען גערעכט אי אַנטקעגען די פֿאָדערונגען פֿון דער געטהאָ און אי אַנטקעגען די פֿאָדערונגען פֿון דער קולטור. מענדעלזאָהן האָט איצט פֿאַר מימון'ס שטאַרבענדע אויגען געשיינט ווי דער אמת'ער חכם.

דער דיינקער האָט דערשפירט אַ לעצטען פֿונק פֿון צופֿרידענהייט, דערקענענדיג אַזוי קלאָהר די אורזאַכען פֿון זיין נידערלאַגע אַלס מענש־ליכעס וועזען. גליק איז נור דאָס קינד פֿון בעשטענדיגקייט—פֿון בעשטענ־דיגקייט אין מיינונגען, אין רוים. נשמה און גוף נייטיגען זיך אין אַ צענטער, אַן אַקס, אַ היים.

ער איז נאָכגעגאַנגען דעם זוים פֿון דער וואַהרהייט ביז צו דעם אָבנאַרענדען האָריזאָנט. אויף אַ פֿאַנאַטישען אופן האָט ער זיך אָבגעגעבען מיט יעדען פֿילאָזאָפֿישען סיסטעם—מיט אַריסטאָטעל, שפינאָזאַ, לייבניץ, קאַנט—און וואָס האָט ער געוואוסט איצט, ווען ער האָט געהאַלטען דערביי אַוועקצוגעהן הינטער דעם האָריזאָנט? גאָרנישט. ער האָט געוואונען אַ פלאַץ צווישען די דיינקער פֿון דייטשלאַנד. דאָך ווען ער וואָלט נור געקענט האָבען לעבען זיך זיין פֿערשטויסענעם זוהן, ער זאָל איהם צומאַכען די שטאַרבענדע אויגען, און ווען ער וואָלט נור געקענט גלויבען אין דעם „קדיש", וואָס זיין זוהן דוד וואָלט אַרויסגעשלוכצט,—ווי וויליג וואָלט ער דאַן געווען אויסגע־מעקט צו ווערען פֿון דעם בוך פֿון בעריהמטהייט, פֿון כבוד און גדולה! אַ פסח־ניגון האָט אָבגעקלונגען ביי איהם אין מוח, זיסע טרעהרען פֿון

טרויער האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען, — יאָ, ווירקליך, אין אַ גאַנץ געוועהנליכען ניגון, אָהן אַ שום בעדייטונג, נאָר פֿול מיט קינדערשע עראינערונגען, האָט זיין זעעלע געפֿונען מעהר בעפֿרידיגונג, ווי אין אַלע פֿילאָזאָפֿיען צוזאַמען.

אַ מרה־שחורה׳דיגעס געזאַנג פֿון שוהל האָט געציטערט אויף זיינע ליפּען. מיט טיעפֿער ביינקעניש האָט זיך זיין זעעלע געווענדעט צו יענע אַסקעטען און מיסטיקער, וועמעס לעבען איז געווען א פֿרייוויליגע מאַרטי־רעריי פֿאַר אַ מיספֿערשטאַנענער גערעכטיגקייט, אַ פֿייערדיגער אָפּפֿער פֿאַר אַ נאַאיווער אויפֿפֿאַסונג פֿון דעם קאָסמאָס. דער אונענדליכער פּאַטהאָס פֿון זייער לעבען האָט איהם געמאַכט פֿערגעסען אָן זיין אייגענער נישטיג-קייט. זיין זעעלע איז אויסגעגאַנגען נאָך זיי, אָבער זיין מוח האָט זיך ענטזאַגט פֿון זייערע אילוזיעס.

ער האָט צוזאַמענגעביסען די ציינער און געוואַרט אויף׳ן טויט.

ווידער האָט דער פּאַסטאָר זיך געווענדעט צו איהם און געזאָגט:
„יאָ איהר זייט געווען נאַריש. נאָר דאָס, וואָס איהר זעהט עס איצט איין, צייגט דאָך, אַז אייער זעעלע קען ערלייזט ווערן. קריסטוס וואַרט שטענדיג אויף דער שוועל.“

מימון האָט אונגעדולדיג אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד. „איהר פֿרעגט מיך, צי איך וואָלט זיך ניט געוואָלט ווידער זעהן מיט מענדעלזאָהן׳ן. ווי אַזוי, דיינקט איהר, וואָלט איהר זיך געקענט ווייזען פֿאַר איהם, ווען איך ווער אַ קריסט?“

„איהר פֿערגעסט, מיין ליעבער מימון, אַז ער ווייסט איצט די וואַהרהייט. מוז ער זיך ניט פֿרעהען דערמיט, וואָס זיינע טעכטער האָבען זיך אָנגע־שלאָסען אָן דער קירכע?“

מימון האָט זיך אויפֿגעזעצט אין בעט, איבערראַשט פֿון אַ פּלוצליכער עראינערונג. נאָר ער האָט זיך גלייך שטאַרק פֿונאַנדערגעהוסט.

„דאָראָטהעאַ, אָבער ניט הענריעטע?“ האָט ער מיט ווייטאָג אַרויס־געקייכט.

„העגריעטע אויך. האָט איהר עס ניט געוואוסט? און אַבראַהאַם מענ-דעלזאָהן האָט אויך נור וואָס געלאָזט טויפֿען זיין זוהן פֿעליקס — אַ מוזי־קאַליש וואונדער־קינד, ווי איך הער.“

מימון איז צוריקגעפֿאַלען אויף זיין קישען, איבערוועלטיגט פֿון געפֿיהלען און געדאַנקען. די טראַגעדיע, וועלכע איז געלעגען און געשלאָפֿען אין יענעם שמייכעל פֿון די שוועסטער, האָט זיך יעצט ענטוויקעלט.

ער האָט שוין לאַנג געהאַט איבערגעריסען די פֿערבינדונגען מיט בער-

לין, האָט זיך אויפֿגעהערט אינטערעסירען מיט'ן יודענטהום און מיט זיין אונבעדייטענדער פּאָליטיק. נאָר איצט האָט זיין זכרון צונויפֿגעהעפֿט אַלעס, וואָס ער האָט געהערט איבער די ענטוויקלונג פֿון דער אידישע· פֿראַגע זייט מענדעלזאָהן'ס טויט: דעם קאַמפּף צווישען דעם אַלטען און דעם נייעם, וואָס איז אַזוי הייס געוואָרען, אַז די פֿרומע האָבען ניט געוואָלט בריינגען די רעפֿאָרמער צו קבורה אויף דעם אידישען בית עולם. דער קאַמפּף, וואָס האָט געבראַכט אַזוי וויט, אַז יונגע לייט האָבען פֿעראַכטעט זייערע פֿאָטערס און געשריען: „קולטור, קולטור! נידער מיט דעם גהעטאָ!" אַ טהייל פֿון זיי, אין זייער ריקווירקונג געגען דעם דריי טויזענד יעהריגען יאָך, האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אין בעריהמערישע הפקרות, און נאָך מעהר פֿון זיי האָבען זיך אַריינגעוואָרפֿען דעם מאָדערנעם קריסטענטהום אין די אָרעמס. און דאָס זעלבע איז געווען מיט די פֿרויען פֿון דעם נייעם דור. הענריעטע הערץ האָט געוואונען די הערצער פֿון שעהנע יודישע פֿרויען פֿאַר די גלענצענדע דייטשען און פֿאַר דער ראָמאַנטישער בעוועגונג, אַזוי אַז מענדעלזאָהן'ס אייגענע טאָכטער, דאָראָטהעאַ, האָט פֿערלאָזען איהר מאַן און איהרע קינ־דער און איז געגאַנגען לעבען מיט שלעגעל'ן; און די אור־אַלטע צניעות פֿון דער אידישער פֿרוי איז אונטערגעגראָבען געוואָרען. אָנשטאָט דער עה-רענפֿולער שעצונג פֿון זיין פֿאָלק, פֿאַר וועלכע מענדעלזאָהן האָט געאַרבייט, האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ שטאַרקע רעאַקציע געגען די אידען, וועלכע איז גייסטיג אָנגעטריבען געוואָרען. דורך שלייערמאַכער מיט זיין „טראַנצעדענ-טאַלען קריסטענטהום", און פּאָליטיש דורך גענטץ מיט זיין געשריי פֿאַר אַ „קריסטליכען דייטשלאַנד". ביידע זיינען זיי געווען לייבען פֿון דעם קריסט-ליך אידישען סאַלאָן, וועלכען מענדעלזאָהן האָט מעגליך געמאַכט. און דאָס איינציגע יודענטהום, וואָס איז נאָך געשטאַנען פֿעסט אין דער דאָזיגער קאָבעניש, דער אַלטער פֿעלז פֿון דעם ראַבינערטהום, וואָס ער האָט געזוכט צו שטירצען,—די אַמסטערדאַמער אידען, זיי האָבען זיך זאָגאַר ענטזאַגט אָנצונעהמען די ציוויל־רעכטע, פֿאַר וועלכע ער האָט געקעמפֿט.

„אָרעמער מענדעלזאָהן!" האָט זיך דער שטאַרבענדער מימון געטראַכט. „ווער איז נאָך אַלעם דעם געווען דער טרוימער, ער אָדער איך? ס'איז פֿילייכט גוט פֿאַר איהם, וואָס ער קען קיינמאָל ניט ערפֿאַהרען, אַז זיין „פֿעדאָן" איז אונגערעכט."

דער אָבגרונד צווישען זיי איז פֿערשוואונדען, און אין אַ לעצטען בליץ פֿון אונבאַרמהערציגער טיעפֿער קענטעניש האָט ער געזעהן זיך און מענ־דעלזאָהן'ן פֿעראייניגט אין דער געמיינזאַמער איראָניע פֿון דעם מענשליכען שיקזאַל.

ער האָט געמורמעלט: „און ווי אַזוי שטאַרבט דער חכם? — ווי דער נאַר."

„וואָס זאָגט איהר?" האָט דער פאַסטאָר געפֿרעגט.

„סאיז אַ פֿערז פֿון דער ביבעל."

„איהר זייט אַלזאָ אין פֿריעדען?"

„איך בין אין פֿריעדען."

# קאטאלאג

פון דער

## ראדיקאל פובלישינג קאמפאני.

---

## עדעלשטאדט'ס שריפטען

די לאנדאנער אויסגאבע פון עדעלשטאדט'ס ריהרענדע סקיצען איז יעצט פיעל שעהנער ווי די פריהערדיגע. אויך איז יעצט צוגעגעבען א נייע סקיצע „מיוזיק". פרייז בלויז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

---

## א פינפפאכער מארד

דער פינפפאכער מארד איז קיין שונד ראמאן נאר א העכסט בעלעהרענדע שילדערונג פון דער ארבייטער בעוועגונג, געשריבען פון א בעוואוסטען ארבייטער פיהרער. פרייז 4 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

---

## באושאווער'ס בילדער און געדאנכען

איז יעצט פערגרעסערט געווארען אויף 64 זייטען און איז העכסט ארטיסטיש געדרוקט אויף גוטען פאפיר. עס איז די שעהנסטע ווערק אין דער אידישער ליטעראטור. פרייז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

---

## באושאווער'ס ליעדער און געדיכטע

א נייע זאמלונג פון ליעדער, וועלכע זיינען ביז איצט נאך ניט געוועזען געדרוקט אין קיין בוכפארם. פרייז 5 פענס. אין אמעריקא 10 סענט.

---

## באושאווער'ס פאעזיע און פראזא

א ביכעל פון 128 זייטען, ענטהאלט צוזאמען די „ליעדער און געדיכטע" און „בילדער און געדאנקען". פרייז 9 פענס, אין אמעריקא 20 סענט.

---

## זאלען זיך קבצנים מעהרען?

פערהייראטהע מענער וואס ווילען ניט ליידען קיין צרות דעם גאנצען לעבען, פרויען וואס ווילען ניט קראנק זיין דעם גאנצען לעבען, זאלען קויפען דעם ביכעל. עס וועט זיי אייסהיטען פון ארעמקייט, פון קראנקהייט און פון אלעס בייז. פרייז אין ענגלאנד 1 פעני.

---

## די מענשליכע ענטוויכלונג

א זעהר בעלעהרענדע בראשורע איבער רעליגיאן פון דר. מאקס נארדוי, פרייז 1 פעני, אין אמעריקא 3 סענט.

# קאלט און ווארם.

קיין שונד ראָמאַן, נור איין העכסט אינטערעסאַנטער אַנציהענדער, העכסט

בעלעהרענדער ראָמאַן פֿון

**א. טאנענבוים.**

4 טהייל ענטהאַלט 538 זייטען.

פרייז **4** שילינג. פֿיר אַמעריקאַ **1** דאָלאַר. רוסלאַנד **2** רובעל.

---

# ליעבע און רעליגיאן.

איין העכסט אינטערעסאַנטער אָנציהענדער היסטאָרישער ראָמאַן פֿון

**גירוש שפניא.**

איבערזעצט פֿון **היימאן פאלסקי.**

ענטהאַלט 160 זייטען.

פרייז **1** שילינג. אמעריקאַ **25** סענט. רוסלאַנד 50 קאָפּ.

---

# די ים ארבייטער.

אַ העכסט בעלעהרענדער אינטערעסאַנטער ראָמאַן פֿון

**וויקטאר הוגא.**

פרייז **1 שילינג.** **25** סענט. רוסלאַנד **50** קאָפּיקעס.